STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00898

# YIDN

## Naftoli Gross

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Martin & Carol Thrope*
*in honor of their children,*
*Kendra Lider-Johnson, Samuel Thrope, Juliana Thrope & Charlene Thrope*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יידן

צווייט בוך

## ביכער פון נפתלי גראָס:

פּסאַלמען (94 פיר שורההדיקע לידער) 1919

לידער, 1920

דער ווייסער רייטער (לידער און באַלאַדן) 1925

ייִדן, 1929

דעבס, אַ מעשׂה פון אַ מענטשן, 1933

בילדער פון ייִדישן אַרבעטער לעבן אין אַמעריקע, באַאַרבעט לויט ב. ווײַנשטיינס זכרונות און אַנדערע, 1935

מעשׂות, אילוסטרירט פון חיים גראָס, 1935

די פינף מגילות, מיט אַ קאָמענטאַר צו איכה, 1936

וולאַדימיר מעדעם, צייכנונגען פון חיים גראָס, 1938

ייִדן (צווייט בוך), 1938

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צום
אַרבעטער רינג:
W. C. Educational Department
175 East Broadway, New York, N. Y.

## גרייט צום דרוק:

תהלים (מיט קאָמענטאַרן)

דער מאַמעס לידער פון לילי גראָס

מעשׂות (צווייט בוך)

לידער פאַר קינדער

יעקבס חלום פון ריכאַרד בער־האָפמאַן

קאַליל גיבראַנס מעשׂהלעך

מעשׂות פון טויזנט און איין נאַכט

היינריך היינעס לידער

חומש

# נפתלי גראָס


# איך

צווייט בוך


אַרויסגעגעבן מיט דער
מיטהילף פון דעם
**אַרבעטער רינג בילדונג־קאָמיטעט**
נויאָרק, 1938.

"YIDEN"

VOL. II

Copyright, 1938
*by*
NAFTOLI GROSS
NEW YORK, N. Y.

Printed in the U. S. A.

**Printed by**
CAPITOL OFFSET COMPANY INC.
147-149 WEST 25TH ST.
NEW YORK, N. Y.

די מייִנסטע לידער אין דער זאַמלונג „ייִדן״ זענען געווען געדרוקט אין דער „צוקונפט״, אַ קלענער טייל — אין „פאָרווערטס״ און אין אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן.

דידאָזיקע זאַמלונג לידער איז אַ המשך פון מיין פריערדיקן בוך „ייִדן״. אונזערע געמאַרקן פון די שטעטלשטעט, וואָס איך האָב אָנגעצייכנט אין אונזער דיכטונג מיט מיין ערשטן בוך „ייִדן״, ציען זיך אַסך ווייטער ווי די געמאַרקן פון שטאָט און שטעטל אין אונזער אַלטער היים. דאָס פּרואוו איך ווייטער צייכענען און דערגאַנצן אין דער זאַמלונג. אין דעם בוך קומען צו נייע געגנטן, נייע פאַרשוינען און לידער.

די פּאָעמע פון ר׳ שלמה אבן גבירול אָפּן סוף פון דעם בוך איז איינע פון זיינע פּאָעמעס און לידער, וואָס איך האָב איבערגעזעצט מיט אַסך יאָרן צוריק. די איבערזעצונג ברענג איך פאַר אַ פּרואוו ווי איך האָב געפּלאַנט און פּלאַן אויך איצט צו איבערזעצן טייל העברעישע דיכטער אין יידיש.

פאַראַן אין דעם בוך אַ צאָל ווערטער, וואָס מע געפינט נישט אין אונזערע ווערטערביכער, און וואָס איך פיר צום ערשטן מאָל אריין אין אונזער געשריבענעם וואָרט. נישט דאָ איז דער פּלאַץ די ווערטער צו דערקלערן. איך פּלאַן דאָס צו טון מיט דער צייט אין אַ באַזונדערער ארבעט.

ב. ג.

# אונזערע געמאַרקן

# אונזערע געמאַרקן

שטעט זינגען מיט מאַשינען און פֿאַבריקן,
מיט באַנען און מיט פֿלאַנען זינגט דאָס גאַנצע לאַנד;
מיט שיפֿן און מיט ווייטע גילדענע גליקן—
די יַמים רונדאַרום, פֿון ראַנד צו ראַנד.

די פּרייריס זינגען גאָלדיקע מיט ווייץ און קאָרן,
מיט באַנוול־פֿעלדער און מיט שלאַנקע קוקורוזעס,
די גערטנער — מיט מעלאָנען און האַרבוזעס,
מיט גילדענע מאַראַנצן און רויטע פּאָמידאָרן.

די בערג — מיט וועלדער און מיט קוילנמינען,
מיט שווערער מי, מיט שוואַרצן גאָלד און קאַרג געצאָלטס;
די טאָלן — מיט טאַרטאַרקן און געהילץ און האָלץ,
די טיפֿן — מיט טייכן אייל, מיט אייזן, בליי און צינען.

טעג זינגען מיט געלאָף, מיט אַרבעט און געשעפֿטן;
דאָס לעבן רוישט און ראָלט, און דרייט זיך ווי אַ ראָד;

דער טאָג בליט אויף מיט פרישע, יונגע קרעפטן,
און אין גערויש—צעטרעט זיי טראָט נאָך טראָט.

און אין די אָוונטן זינגען עוועניוס און גאַסן
מיט לידער פון די „קאַובאָיס" און אינדיאַנער יעגער;
און אין דעם וויגעוודיקן דזשעז פון קינדער־נעגער
פאַרוויגן זיך פאַרוואָרפענע און פרעמדע ראַסן.

# אונזער לעבן

מיר פֿטרן די יאָרן צווישן די מאַשינען,
מיר האַוועז אָפּ דאָס לעבן אַף די מערק,
און דאָ נישט ווייט מיט שווערע נאָדל־וועלדער גרינען
די קעטסקילס און די אַדיראָנדאַק בערג.

און פֿון די טעג, די זוניקע, עך, וויפֿל שאָען
פֿאַרפֿאָרן מיר אין באַנען אונטער דר'ערד!
די הימלען אונזערע מיט רויך און נאַכט פֿאַרגראָען–
מיר רעדן אײַן זיך, אַז אַזוי איז אונז באַשערט.

און נישט די זון, און נישט קיין פֿייגל וועקן אונז באַגינען,
קיין פֿאַסטעכליד באַגלייט אונז נישט צו אונזער מי;
גערויש, געבראַזג פֿון באַנען און מאַשינען–
זיי רייסן אונז פֿון בעט אַרויס אַיעדן אינדערפֿרי.

און שטענדיק, שטענדיק–נאָר מיר אַרבעטן און שאַפֿן,
ווי ס'וואָלט אונז אַף אַן אֶמת ווינציק זיין די וועלט;
סע מאַניעט כּסדר אונז און ציט אַ ווייטער האַפֿן,
און בלייבן אין די דַלֶת־אַמות פֿון אייגענעם געצעלט.

## זומערטעג

די גאַסן גליִען מיט צעגליטן שטיין און ציגל,
די וועגן שטיקן מיט צעוואַרעמטן אַספאַלט;
די זון האָט טויזנט מײַלער אופגעפראַלט —
סע ווײַט דער ווינט מיט פלאַמעווודיקע פליגל.

און אופגעריגלט שטייט איעדער ריגל —
סע וואַרטן טיר און פענסטער, יעדער שפּאַלט.
נאָר ביז דער קילער אָוונט־שאָטן פאַלט —
דרײַט זיך די שטאָט אין פײַערדיקן טיגל.

די זון אין אַלע פענסטער — ווי אַ זיגל.
די קינדער שפּילן זיך אין הויף אין ציגל־מיגל,
אין וויגל ס'עופּלע — אין טרערן אויסגעווײַקט;
דער הונט אַ פּראַכטעדיקער אַף דער שוועל צעלײַגט
דער קופּער־הימל — אַ פאַרהויכטער שפּיגל —
די דעכער און די רוקנס דריקט און בײַגט.

# ווי אַלע טעג

די זוניקע פרימאָרגנס גייען איבער,
סע קומען אָן די שווערע רעגן־טעג;
די זעל, זי בייגט זיך איבער זיך אַריבער,
די שווערקייט גיסט זיך איבער יעדן ברעג.

דו עסט אין שווייגן דיר דיין ברויט מיט קאַווע,
פאַרלאָזסט אין שווייַגעניש דיין טיפע שוועל;
די גאַסן וויגן זיך אין רויש און האַווע,
די גאַסן יאָגן זיך מיט קאַר און על.

דו פאָרסט אַרונטער צו די שעפער,
קלאַפּסט אָפּ די העכסטע און די טיפסטע שוועל.
נישטאָ וואָס צו מקַנא זיין אַ שטעפער,
נישטאָ וואָס זאָל דערפרייען אים זיין זעל.

דו קערסט דיך אום צוריק אין מידן שווייַגן,
דו שפּאַנסט אַריבער שטיל דעם שווערן טאָג,

און ביז סע נעמען זיך די שטערן צייַגן
און ס'לייכטן אוף די לאָמפּן אַף דעם ראָג —

טוסטו פאַר זיך דיין אָנגעזיכט פאַרנייַגן,
און זאָגן טוסטו דיר אַליין אַ זאָג:
כ'וועל איצט דעם קאָפּ אין רו אַנידערלייַגן,
אַראָפּוואַרפן פון זיך די גאַנצע וואָג.

# מיין גורל

די טעג – פֿאַרנעפּלטע און נאַסע,
די שווערקייט דריקט אַף דעם געמיט;
די שטאָט באַוועגט זיך ווי אונטער אַ מַשׂא,
די גאַסן שפּרייַזן מיט שלאַבעריקע טריט.

די ראָגן ציען זיך מיט הונגער־רייַען,
די נעץ דרייַט אייַן, פּרעסט איַין זיך ביזן ביין;
איך שטיי אין ריי מיט אַלע די, וואָס שטייַען –
ס'איז ווייטער פון דעם ראָג נישטאָ וואוהין צו גיין.

מיר איז באַשערט דער גורל פון די מאַסן,
די לאַסט פון אונטערדריקטן טראָג איך שטאָלץ;
צו וואַרעמען זיך ביי די פייַערן אין גאַסן –
כ'טראָג־צו אַ פרייַדיקער אַ שפּאָן, אַ שייַטל האָלץ.

כ'טראָג־צו אַ וואָרט, אַ ליד, אַ ניגון –
ס'איז נישט קיין קלייניקייט אַ לעבן ווי צום שפּאַס,

אַז ס'האָט פון אומעטום דאָס לעבן אויסגעשפּיגן
און אויסגעשטעלט ווי אַף בייז וואונדער אין דער גאַס.

נישט אייביק וועט געווערן ס'פּוילע וועטער,
כ'וועל גיין פּאַר אַלעמען, מיט אַלעמען פּאָרויס;
ס'וועט בלייבן בלויז דער פּײַניקער — דער שפּעטער,
וואָס זיצט געמיטלעך זיך ביי זיך אין הויז.

זאָלן נאָר אַריבער די געוויטער־ווינטן,
די שווערסטע פּײַן — קוים נאָר אַוועק — איז ווי אַ ווײַל.
דער וואָלקנזײַל שײַדט אָפּ דאָס שלעכטס פון הינטן,
ס'גייט אוף, לייכט אוף — פּאָרויס דער פּײַערזײַל.

## דער אָפּעראַטער

ער איז אַזוי אַריינגעטון אין דעם געניי,
ווי ס'וואָלט מער קיין זאַך נישט געווען אין לעבן.
ער זעט נישט פֿאַר די פענסטער טויבן שוועבן,
און אַף די דעכער אין דער זון – דאָס שמעלצן זיך פון שניי.

אַרום אים, איבער די מאַשינען, ריי נאָך ריי –
אַסך נאָך אַנדערע ווי ער אַליין געבויגן.
ס'איז אַלץ ווי מיט אַ הייטל שווער פֿאַרצויגן,
אין אויער רוישט אים פון געפּייניקטע ס'געשריי.

מיט לאַנגע דורות קנעכט איז ער באַשווערט.
ער זעט די קנעכט פון פּיתום אין מִצרַיִם,
אין בָּבל, רוים – די גולים פון ירושָלַיִם, –
אַ קייט, אַן ענדלאָזע, מיט קנעכט אַרום דער ערד.

און אין זיין שמאָלן, נידעריקן שטערן –
אַ פייער בלאָנדזשעט אום און ברענט און בריט;
און ווי ער וואָלט אָט ערשט אַליין דעם קאַמף פֿאַרקלערן –
גייט אוף פון דעם גערויש דער קלאַנג פון פרייהייטליד.

## איינער — אַן אַנטוישטער

איז אָפּגעלאָזט, ווי ס'וואָלט זיך אַלץ פֿאַר אים געעקט.
זיצט גאַנצע טעג אין העסטער פּאַרק,
געדריקט, ווי ס'וואָלט די שטאָט געלעגן אַף זיין קאַרק;
און אַלצדינג איז פֿאַר אים מטושטש און פֿאַרמעקט.

אַ שלאַפֿקייט האָט די חושים אים באַדעקט. —
ער זעט נישט איבער זיך די שפּערלען און די טויבן,
פֿון דעם געשפּיל פֿון קינדער — דאָס שטיקל גאָרטן שטויבן,
און הערט נישט, ווי סע זומט אַרום און זעגט.

דאָס לעבן רוישט און רעגט זיך און באַוועגט —
נאָר ער וואָלט דײַקע דאָ זיך אויסגעשטרעקט,
ווי גרויס ער איז, אין וועג ביי די שטראָכעטן,
זאָל יעדער טאָפּטשען איבער אים און טרעטן,
צעבלוטיקן דאָס לייב אים און צעוואונדן, —
און פֿילן נאָך ווי ס'לעצטע ביסל לעבן ווערט פֿאַרשוואונדן.

## איינער – אַ מענטש

אַזוי צעטומלט, אַז ער ווייסט נישט פון זיין נאָמען.
גייט צוגעקנעפּלט און צונויפגעצויגן,
ווי ס'וואָלט אים שטרענג פאַרפאָלגט דער קוק פון בייזע אויגן,
בעת ער גייט פאַרביי די גאַסן מיט די קראָמען.

נאָר אין קאַפעהויז, אַ דאַנק דעם ליבן נאָמען,
אין ווינקל פאַר דעם טיפן פענסטערבויגן,
פאַרהוילן און פאַרשטעלט פון מענטשנס אויגן,
ווי ער וואָלט זיך געראַטעוועט פון פינסטערע תהומען,–

דאָ נעמט ער זיך די שטולן אַרום טיש צעשטעלן,
גלייך איינעם קעגן צווייטן – עס זאָל קיין האָר נישט פעלן;
ער דרייט זיך אויס דערנאָך און גריסט און נעמט זיך נייגן,
ווי ס'וואָלט געקומען ווער און קעגן אים געשטאַנען;
ער רוקט אַ שטול אַרויס און – שטייט ביז וואַנען
און וויפל איינעם נעמט דעם הוט אַוועקצולייגן
און זיך באַקוועם צו זעצן.

## דער גענאַרטער

מײַן ליבן אַבֿרהם רײזען צו זײַן זעכציק יעריקן יובילײ

ער רעדט און רעדט ווי ער וואָלט עפּעס וועלן
פֿאַר אַלעמען דערציילן בלויז די וואָר,
ווי ער וואָלט וועלן, ס'זאָל פֿאַר יעדן ווערן קלאָר,
אַז ער וויל גאָרנישט ניט פֿאַרהוילן און פֿאַרשטעלן.

די לאָמפּן ברענען, אַלע ווינקלען העלן,
דאָס פֿייער זינגט און עס זינגען זיינע רייד;
מע הערט, ווי ער וואָלט זיין פֿאַר עפּעס גרייט
דאָס לײַב און לעבן אײַנצושטעלן.

אַ וואַרעמקייט פֿילט אָן די שלומערדיקע זעלן,
די אויגן לייכטן און די באַקן ברענען.
ער רעדט, און וואָס ער וואָלט איצט וועלן, וואָלט מען קענען.
און אַז ער זעט, ס'איז יעדערער פֿון זיי שוין גרייט,
דערפֿילט ער מיטאַמאָל זיין וואוילגעפֿעלן,
און אַז נישט דאָס האָט ער געמיינט מיט זיינע רייד.

# פאַר אַלע אויגן

איצט נעמט עס ווידער טאָגן. אין דעם ווייטן
ווינקל פון מזרח בייטן זיך די סילועטן
פון האַלב־פאַרשווענקטע ווענט און מינאַרעטן —
חורבות פון בייזע מבולדיקע צייטן.

טאָג, ליכט נעמט שאַרן זיך און גלעטן ביי די זייטן
פון די משונה־חיהדיקע סילועט־מאַריאָנעטן.
ס'ווערט ליכט און שאָטן. שאַרפער שפּאַרן זיך סקעלעטן
אַרופצו צו די הויכע ווייטן — ליכטיקייטן.

און ס'קריכט אַרויס צעווישן בערגלעך פון נאָך קבורה
אַ קנאָכיקע געשטאַלט; זיין אויסגעצויגענע צורה
אַרויף צום ליכט: זון, זון! — און מיט אַן אופגעהויבענער האַנט
ווי אַ שיפברעכיקער, אַריבער טיפענישן
דערזעט, נאָך לאַנגע וואָגלענישן, צווישן
דעם ים און הימלראַנד אַף וואָר זיין חלום: לאַנד.

## פרילינג

אַ טשאַטע הינט לויפט נאָך אַ פולער צויג,
אַ קאַץ דערשרעקט זיך און ווערט טאָפּלט גרויס;
סע שמעקט מיט פוילער פרילינג־ערד פאַר יעדן הויז,
דער טאָג ווערט פול און רונד און רוישיק ווי אַ פויק.

דער פרילינג בליט פאַר יעדן הויז, וואו ס'פּאַלט דאָס אויג:
מע פאַרבט די גאַניקעס, מע פוצט די שויבן,
אַ ייִנגל טרייבט פון טויבנשלאַג די טויבן;
דערהויבן נעמט זיך יעדערער צו וואָס ער טויג.

די קינדער שפּילן זיך מיט באַלן און באַלאָנען,
די גאַסן העלן מיט פרייִדיקע געשרייִען;
סע ווערן לויטער לעבן די ליפּעס און די קליאָנען,
די צווייגן ווערן פול מיט זאַפט פאַרגאָסן;
און וואָס סע האָט געיערט — ווערט אופגעשלאָסן,
און וואָס עס איז געשלאָפן — נעמט מיט לעבן ווייִען.

# דערמאַנונג

די רויטבריסטן באַווייזן זיך אין גאָרטן,
דער גרוי־געפּלעקטער פּיקהעלץ שרייט אַף רעגן;
די גערטנער גלייכן אויס די גאָרטן־שטעגן
און שניידן דאָ און דאָרט אַרום אַ בוים — שוין אַ באַאָרטן.

דאָס יונגוואַרג שפּילט זיך, און די אַלטע קוועלן, —
דער גאָרטן רוישט מיט קינדער און מיט מאַמעס;
און רונדאַרום די שטאָט — מיט קראָמען און רעקלאַמעס,
מיט שווערע טראָקס, מיט אויטאָס און מיט עלן.

און פאַר דעם קראַנקנהויז אַף לענשטולן ליגן
די קראַנקע אין דער זון. זיי הערן פייגל זינגען,
און זעען זייד־קאָלירטע שמעטערלינגען
און קליינע קינדער אַף די הוידלקעס זיך וויגן;
זיי ליגן אין דער זון מיט זייערע קראַנקע גופים,
און הערן ווי אין חלום פרילינגס יונגע רופן.

# אין בראָנקס פּאַרק

די ביימער שאָטענען מיט נאַכט און שווייגן,
דער גאָרטן רוישט מיט קינדער און מיט מאַמעס;
אין מַערב־זייט גייט אויס דער הייסער טאָג פון תּמוז,
און אַף די בערג די לעצטע בונטע וואָלקנס שטייגן.

דאָס רויטבריסטל צעזינגט זיך אין די טונקעלע צווייגן,
און איבער קעפּ און ביימער פלאַטערן די פלעדערמײַז;
מע גייט, צעגייט זיך פון דעם גאָרטן ביסלעכווײַז,
און אין די אָפענע בלאָען נעמען זיך די שטערן צייגן.

אַ חֶברה בָּחורים און מיידלעך אונטער אַ בוים, אַ באַיאָרטן,
פאַרגייט זיך האַרציק אין יידיש־בענקענדיקע לידער:—
ס'שטײַגט אוף די אַלטע היים מיט טרוימערישע יאָרן,
אַ סאָד, אַ טייך, שפּאַצירגענג צווישן קאָרן,—
און נאָנט ווערט איינס מיט איינס ווי שוועסטער, ברידער,—
דער וויכער זומער־אָוונט זינגט און זומט אין גאָרטן.

## יום־טובדיק

דער קליינער וואַסערפֿאַל אין גאָרטן זינגט און זומט,—
די מענטשן מעסטן מיוּשבֿדיק די טריט.
פֿון די אַקאַציעס פֿאַלט דער ווייסער צוויט,
און ביי דעם וואַסער בלאָזט אַ זשאַבע זיך און ברומט.

די מענטשן מעסטן מיוּשבֿדיק די טריט,
און קוקן, שמייכלען, ווי זיי וואָלטן וועמען גיין
אַנטקעגן; דאָס פּנים אָפֿן, אויסגערוּט און ריין.
אין ווייטן בלוי אַ ווייסער וואָלקן ציט.

די רו פֿון יום־טובֿ־טאָג אַף אַלץ פֿאַרשפּרייט.
די קינדער אופֿגעראַמט און אויסגעפּוצט;
דער ליידיק־גייער פּראַנטעוועט און שטוצט,
און טראַכט: ווער ווייסט אַף וואָס דאָס שיינע לעבן נוצט?
אין לאַנץ ביי אים בליט בלוי די בלויע קווייט,
און ס'שמעקט דער ווינט מיט זיסן צוויט און ווייט.

# אויסלייטערונג

די גרינע גאָרטןדושאַבעס קוואַקען אַף די צווייגן,—
סע האָט דעם גאַנצן ליבן זומערטאָג גערעגנט,
די זון לייכט אוף פּאַרנאַכטיק אין דער געגנט,—
אַ ווייסער נעפּל פון דעם טײַך נעמט שטייגן.

דאָס לעבן הייבט אַפּסניי זיך אָן באַוועגן.
די קינדער שפּילן באָל. די פרייד און די געשרייען
פאַרקלינגען נאָר דעם גאָרטן, גאַסן און אַלייען.
און אַלץ, וואָס איז דעם גאַנצן טאָג געלעגן

אין רעגן אונטער דר׳ערד און אונטער בלעטער,
האָט מיטאַמאָל דערפילט דעם בײַט פון וועטער.
אַן אימפּעט נעמט אַלץ רעגן און באַוועגן:
די דראָסל זינגט, די קנאַפּערס און די שפּרינגערס זעגן,
און מיט דעם גאָלדענעם טייך אַראָפּ די זון פאַרגייט,
און בילד נאָך בילד אין אָוונט־רו פאַרוויט.

# קאָני אײלאַנד

דער װײסער זאַמדברעג זילבערט אין דער זומערזון
און רױשט און שױמט מיט באָדנדיקע און מיט שיפֿן;
די „רעטערס" װיגן זיך אין שיפֿלעך איבער טיפֿן,
און אַף דעם באָדהױז שװעבט אַ ריזיגער באַלון.

און אַף אַ צװײטן שטײט אַ גילדענער װעטערהאָן.
סע רױשט דער יַם, דער עולם, און מיט שרײאיקער מוזיק,
מיט „לופּ־דע־לופּ" אַרוף, אַראָפּ און הין און קריק,—
און איבער אַלעמען דאָס ריזנראָד מיט אַ קאָלירטער פֿאָן.

און די שפּאַצירבריק בלענדט מיט קינדער, פֿרױען, מענער,
מיט דרײַקאָמעדיעס, שפּאַצירװעגלעך און מוזײען;
סע װײען שלײערן און ס'פֿלאַטערן די פֿענער,
פּאַיאַצן װײַזן קונצן, מאַכן חַיֶהשע געשרײען,
און ראָטן אַלעמען אַרײַנצוגײן פֿאַר סענטן צען
און מיט די אײגענע אױגן טױזנט װאונדער זען.

## פאַר דעם שפּיטאָל

אין שטילן גאָרטן פאַר דעם שפּיטאָל
ליגן די קראַנקע אַף שטולן אין שאָטן,
אַנדערע ליגן אין דער זון און זיך בראָטן
אין שטילן גאָרטן פאַר דעם שפּיטאָל.

די גאַסן אַרום — מיט בעטאָן און שטאָל,
רויִשן מיט מענטשן, מיט קאַרס און מיט באַנען,
די קראַנקע ליגן אין גאָרטן און אַנען
דאָס רוישיקע לעבן פון ווייטן אַמאָל.

די יאָרן קומען און גייען, פאַרגייען,
די קאַרס און די באַנען רוישן פאַרביי.
דאָס לעבן אַ ראָד, און סע האַלט זיך אין איין דרייען,
און וואָס ס'איז אַוועק — קומט נישט קריק אַפּדאָסנײַ.
די קראַנקע הערן אין גערויש דעם אַמאָל,
ווי אַף אַן איינזאַמן וועג דאָס ווידערקול.

# ערשטער מאַי

אין יוניאָן סקווער – דער סקווער פון אַלע סקווערן,
האָבן זיך צענדליק־טויזנט אַרבעטער פאַרזאַמלט;
און וואָס מע האָט געשטיקט אין זיך און קוים געשטאַמלט –
האָט'ן אָפן גאָר דער גאַנצער וועלט געלאָזט צו הערן.

סע האָבן הערצער צווישן זיך אַ בונד פאַרשניטן,
און אָפּגעטון האָט זיך די מורא פאַר די האַרן;
אַ ווילדע פרייד האָט זיך פון אַלעמען גענומען שפּאַרן,
ווי ס'וואָלט זיך וואָס אין יעדנס האַרץ געביטן.

אַ האָפּערדיקייט האָט געגליט אין אַלע אויגן,
אַ לעבן האָט געקישעפט אַפּדאָסניי;
און וואָס עס איז געווען – איז נישט־געשטויגן,
און וואָס סע האָט געדריקט – איז געוואָרן פריי;
און וואָס סע האָט געגליט אַ לעבן הינטער יעדן שטערן –
הייבט מיטאַמאָל אָן צו געשטאַלטן זיך און ווערן.

# דאָס ליד פון סאַקאָ און וואַנזעטי

סאַקאָ איז געווען אַ שוסטער,
וואַנזעטי האָט געהאַנדלט מיט פיש;—
מע האָט זיי אַריינגעזעצטביידע
מיט מאַדעיראָס אין געפענגעניש.

מאַדעיראָס איז געווען אַ מערדער,
האָט געהאַרגעט און געשענדט;
אַז ווי איז געווען צו יענעם,
וואָס איז אים אַריין אין די הענט.

סאַקאָ און וואַנזעטי
האָבן נישט געהאַרגעט, נישט גערויבט;
זייער חטא — וואָס זיי האָבן אַנדערש
ווי די האַרן פון לאַנד געגלויבט.

זיי האָבן געכאָלעמט פון פרייהייט—
דער טויט — אַ פייער אין וועג,—

זיי זענען געגאַנגען, געגאַנגען
מיט אַן אָפענער ברוסט און אָן שרעק.

סאַקאָ און וואַנזעטי –
צוויי קינדער פון דער נויט. –
זיי האָבן מיט שווייס פון פּנים
פאַרדינט זייער שטיקל ברויט.

דער טויט האָט צוגענומען,
וואָס דעם טויט האָט שטענדיק געהערט;
וואַנזעטי און סאַקאָ געהערן
די לעבעדיקע אַף דר'ערד.

דערמאָנענדיק זיי ביידן –
געבענטשט זאָל זייער נאָמען זיין! –
דאָס האַרץ גייט אויף פון פריידן
מיט טעג פון לויטער שיין.

פון דעם לאַנד פון זון און בלויען –
דאָס לעבן – אַ ראָד און סע ראָלט, –
האָט זיי דאָס גרויע מזל
פאַרוואָרפן אין לאַנד פון גאָלד.

אין לאַנד פון גילדענע געצן,
אין לאַנד פון שקלאַף און האַר;
פאַר די האַרן גילדענע געצן.
פאַר די שקלאַפן – טויט און צַער.

נאָר סאַקאָ און וואַנזעטי, –
די קינדער פון דער נויט –
זיי לעבן מיט די, וואָס לעבן
אַ לעבן פון קאַמף און טויט.

און מיט די אייביקע, די יוסטע,
צוזאַמען ביי איין טיש –
זיצן – סאַקאָ, דער שוסטער,
און וואַנזעטי, וואָס האָט געהאַנדלט מיט פיש.

## פאַרוואַנדלונג

(ווי אַזוי טאָמאַס ט. מאַרטאָן, דער אַריסטאָקראַט,
איז געוואָרן אַ מענטש מיט אַלע מענטשן באַגלײַך).

מיט איינמאָל האָט ער פון זיך דעם גאַנצן שטאַט
אַראָפּגעוואָרפן און זיך פון אים באַפרייט.
(דאָס פאָלק איז גראָד געשטאַנען גרייט צום שטרייט,
געשפּאַנטקייט האָט דערגרייכט דעם העכסטן גראַד).
און נאָכדעם ווי ער האָט אַ רגע נאָך באַרײַט,—
ער איז נאָך נישט געווען זיכער מיט זיין טאַט—
האָט ער, דער ערשט־געוועזענער אַריסטאָקראַט,
אין גאָר אַן אַנדער מענטשן זיך באַנײַט.

די איבערקערעניש אין אים, דער גאַנצער בײַט,
ס׳איז אַלץ געקומען ווי דאָס אייגענע ווידערקול.
די אָנגעצויגנקייט האָט מיטאַמאָל
זיך אָפּגעלאָזן, ווי ער וואָלט געווען שוין מאַט
פון האַלטן זיך כּסדר פרעמד און שטײַף...
און ווי סע וואָלט אין אים געוואָרן עפּעס רײַף—
האָט ער פון זיך אַליין זיך אָפּגעקערט.—
ס׳בליצט אויף אַ בילד: דער פּלי פון פערד,

אַ וועטגעלאַף, סע שווינדלט אַזש די ערד;
און נאָכדעם ווידער – מאַסן גרייט צום שטרייט,
געשפּאַנטקייט גרייכט דעם העכסטן גראַד.
און מיטאַמאָל – ווי ער וואָלט טיף אַ רוף דערהערט,
האָט ער געלאָזן זיך, נאָך אין דער רעכטער צייט,
מיט אַלעמען אין שטרייט, ווי אַף פּאַראַד.

# דער דיכטער

א. ליעסינען אין האַרציקער פריינטשאַפט.

ער איז אַזוי באַהעפט צו אַלץ, ווי ס'וואָלט זיין לעבן
געווען אַ המשך פון פאַרגאַנגענע צייטן,
זיין אָנהייב וואָרצלט אין דעם פלאַנטער פון געוועבן,
זיין סוף — אין זעאונגען פון קומענדיקע ווייטן.

און ער איז איינס מיט מעשים און מיט מענטשן;
דורך אים רעדט יעדער דומם, מענטש און חיה,
אין זיין געזאַנג גייט אויף די נייע וועלט — אַ פרייע;
אַליין פאַרלאָזט — טוט דער פאַרוואָרלאָזטער מיט אים זיך בענטשן.

אַ קלאָרער שטראָם דורך טאָלן, בערג און צוימען,
אין זיינע טיפן טראָגט ער שטורעם און סכּנות;
נעמט אויף אין זיך אין גאַנג אַלץ פרישע שטראָמען, —
די ברעגן שטייען פּראַלעריש מיט אים און גרויס;
ער טראָגט אין זיך באַפרוכפּערונג פאַר נייע זאָמען,
ער טראָגט אין זיך דעם הימל, זונען און לבנות,
און גייט געשטאַרקט און שטאָלץ פאָרויס,
דורך לענדער און דורך שטעט, צום אייביקן אוקינוס.

# אַף דער נייער ערד

די דעכער זינגען מיט דעם זוניקן זומער־רעגן,
די רונדע קליאָנען שטייען שטיל און אָפּגעלאָזן,
דער ווינט רוט אין די ביימער, אין די גראָזן,
און ליידיק גייען בערג אַוועק מיט ווייסע וועגן.

דער גייער גייט מיט סאַק־אויפּאַק אַ דורכגענעצטער,
פֿאַר אים פֿאָרויס דאָס דאָרף — מיט שטעגן און מיט שטראָזן;
צוויי האָזן שפּרינגען איבערן וועג אַריבער אין די גראָזן,
דער גייער גייט אַליין — אַן איינציקער, אַ לעצטער.

די פֿעלדער אָטעמען מיט שֶפע און מיט זאַטקייט,
די גרילן זעגן מיט אַ זיסער מאַטקייט;
דער פֿאַרמער שאַרפֿט די שנייד־מאַשין און קאָסע;
דער גייער טראַכט פֿון ווייב, פֿון קינד און פֿון פּרנָסה,
און פֿון אַן אייגן ווינקל אַף דער נייער ערד,
וואָס וועט אים אֶפשר נאָך אין לעבן זיין באַשערט.

# מיט דעם וועג

די וואָלקנס גייען מיט דעם רעגן איבערן פעלד,
און אויסגעוואַשן שטייען בוים און קוסט.
די זון לייכט אויף ביי יעדן טראָפּן אַף דער ברוסט,
און טייכלעך פול מיט גאָלד, זיי לויפן אין דער וועלט.

מיט נעסטן שוואַלבן צעזינגט זיך יעטווידעס געצעלט,
מיט עופות און מיט קינדער—יעדעס הויף;
און מיט זיין אַקער באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף
צעשניידט דער פּאַרמער פּאַסנווייַז זיין פעלד.

און מיט די וועגן, פון געצעלט און צו געצעלט,
גייט מיט זיין פּאַק דער גייער, גייט און גייט.
דער פּאַרמער אַקערט, בראָנעוועט און זייט,
ער שניידט דערנאָך און עסט זיין ברויט מיט פרייד.
מיט ווייסע וועגן גייען וואַלד און פעלד,
און מיט זיין פּאַק דער גייער וואַנדערט אין דער וועלט.

# אַ הייסער פרילינג־טאָג

זי שטייט אין שטילן טייך ביז איבער אירע לענדן
און שאַרט צו זיך דאָס קלאָרע וואַסער מיט די הענט,
די רעדער־כוואַליעס שווימען אין דער זון און בלענדן,
אַ שאָטן פון אַ ווערבע שטייט איבער איר געלענט.

די זון איז פון דעם פוטערפאַס אַרויס און ברענט,
אין וועלדל קענען וואַסער קוקעט די זאַווליע;
זי שאַרט צו זיך דאָס קלאָרע וואַסער מיט די הענט
ווי זי וואָלט וועלן שטאַרקער עס צו זיך צוטוליען.

זי שטייט אין שטילן טייך ביז איבער אירע לענדן,
דער שאָטן פון דער ווערבע פאַרשטעלט זי פון דער זון;
דער געלער קו ביים ברעג גייט נאָך די ווייסע הון,
סע ברענט די זון ווי זי וואָלט וועלן אַלץ פאַרלענדן.

און אַזאַ דאָרשטיקייט אין איר שאַרן איז פאַראַן
ווי ס'גאַנצע וואַסער וואָלט געווען איר ווייניק..
סע ליגן טייך און ברעגן קלאָר און שטייניק,
און איבער זיי דער הימל – ווי אַ קופּערדיקער ים.

# אין די בערג

די בלויע אָזערע וואַשט די ווײַסע ברעגן
און רוישט מיט אויערמושלען טאָג ווי נאַכט,
מיט מאָטאָר־שיפלעך, באַרקעס פול מיט פּראַכט —
אַ טיכטיק לעבן האַלט זיך אין איין באַוועגן.

און בײַ די ברעגן שטײַגט מיט ווײַסע שטעגן
דער נאָדלוואַלד אין מילדע, בלויע הויכן;
די קלײנע, ווײַסע וואָלקנס טויכן
און ווערן נישט ווי נאָך אַ זוניקן זומער־רעגן.

די זשאַבעס קוואַקען און די קנאַפּערס זעגן,
די קלאַפּערפליגן קלאַפּן אין די צווײַגן;
די האַיקערס לאָזן זיך אַף הויכע שטעגן שטײַגן;
און חברה, וואָס איז אין דער זון בײַם ברעג געלעגן,
צעשפּילט זיך פּאַר דער קראָם אַף „יוקעס" און האַרמאָניעס
און טאַנצט אויס טענץ מיט קלאַפּערהענטלעך אין די דלאָניעס.

## אַ שווערער זומערטאָג

די זון ליגט אין דער אָזערע צעשמאָלצן,
דאָס וואַסער דאַמפּט און שטײַגט מיט וואַרעם גאָלד.
די פּאַרעמס ליגן רונדאַרום ווי אָפּגעמאָלט,
די בהמות און די מענטשן גייען ווי אַף שטאָלצן.

פון באַרג אַרונטער ראָלט דער וועג מיט שטויב און וועגן,
דער ווינט ליגט אין די טיפע גראָזן און אין וואַלד;
דער הימל און די היץ ליגן רונדאַרום צונויפגעבאָלט
און דריקן גראָז און בהמה שווער ווי פאַר אַ רעגן.

און אַף דעם ווייסן ברעג, אַף ברעט און שטיינער
וואַרעמען זיך די שילדקרעטן און שלאַנגען,
די שלאַנקע שילפן בייגן זיך ווי רייפע זאַנגען,
די וושאַבעס ביי די ברעגן בלאָזן זיך און ברומען,
די בינען אין די וואַסער־ליליעס זומערן און זומען,
און אָפּגעלאָזן וואַרטן, וואַרטן גראָז און ביימער.

## בויבעריק

דער באַרג מיט ביימדלעך און מיט שטיבער,
מיט זוניקע אַליען–רונד און גלייך.
די פרייד פון שוהל צו שוהל גייט איבער,
ווי אין דעם טאָל דער בלויער טייך.
בויבעריק, דו קינדער־רייך.

די פרייד גייט אוף מיט דעם באַגינען,
מיט זון און פייגל און מיט קינדערשן געזאַנג;
די פעלדער זינגען, גאָלדיקן און גרינען
און קלינגען אוף מיט יונגן גאַנג.
בויבעריק, דו קינדער־רייך.

דער זומער זומט ביינאַכט און שלומערט,
דער זומער זינגט בייטאָג און לאַכט;
די פרייד פון צווײמאָל הונדערט קינדער זומערט
אין בויבעריק אי טאָג, אי נאַכט.
בויבעריק, דו קינדער־רייך.

# דער רייטער

דער רייטער אין דעם טעפּיך אַף דער וואַנט —
ער האָט בעת יאַגד אין וואַלד דעם וועג פאַרלאָרן.
אַף זיינע ברעמען הענגט פאַרדראָס און צאָרן,
מיט זיינע שפּאָרן יאָגט ער ס'פערד זיינס נאָכאַנאַנד.

די געגנט, דאַכט זיך, איז אים גוט באַקאַנט,
און דאָך אַזאַ נישט־זיכערקייט איז אין זיין רייטן,
ווי ער וואָלט גרייט זיין מיטאַמאָל דעם וועג צו בייטן. —
זיין גריף — פאַרשטייפט איז מיט דער לייץ אין האַנט.

און ווי אַ טויב האַלט ער אַ סאָקאָל אין דער צווייטער האַנט.
און איבער אים און באַרג און וואַלד — אַ צוג
פון ווילדע גענז אין אָנגעשטרענגטן פלוג. —
געוויטער הענגט אין לופט איבער דעם לאַנד.

אַ הירש שטייט אַ דערשראָקענער ביים ראַנד
פון וואַלד און באַרג. ער האָט זיך מיט אַ האָרן
אין זיין געלאַף פאַרטשעפּעט אָן אַ דאָרן..
דער רייטער — ער האַלט דעם סאָקאָל ווי אַ טויב אין האַנט.

# האַרבסט אַף אַ פּאַרעם

די פעלדער זינגען מיט קנאַפּערס און מיט גרילן,
דער וואַלד — מיט פייגל און מיט וואַסערפאַלן;
דער פאַרמער האָט צעעפּנט זיינע שייערן און שטאַלן, —
די נאַכט פאַרשווינדט אין ווייטע מערב־שטילן.

דער הונט טרייבט שאָף און בהמות מיט זיין בילן,
דאָס הויף ווערט פול מיט גענז, מיט הינער און מיט הענער,
מיט קינדער — איינס פון צווייטן מינדער, קלענער —
אַ קאָקאָדאַקען, קרייען, געשריי און קינדער־שפּילן.

דער פאַרמער זאָגט: אויב ס'וועט נאָר זיין גאָטס ווילן
און ס'וועטער וועט אַזוי נאָך אָנהאַלטן אַ וואָך,
וועל איך צעבראָנעווען דאָס פעלד, פאַרזייען
דעם ווייץ און קאָרן אַף איבעראַיאָר, און וועל דערנאָך
צייט האָבן צו פאַרריכטן זעג און מילן,
און אָנשניידן האָלץ איידער סע וועט נעמען שנייען.

## זונ־אונטערגאַנג

פאַר מײַן פענסטער,
איבער דעכער,
טויכן וואָלקנס
ווי געמעכער.

קעסטלדיקע
און דרײַעקן;
סעדער, גערטנער,
ווײַטע שטרעקן.

פויער־שטיבער —
לײַם און שטרויען,
בערגלעך, טאָלן,
טײַכן — בלויען.

פעלדער, לאַנען
און אַלײַען;

גייעם אַקערן
און זייען.

פערד און אָקסן,
בראָנעס, פּלוגן;
פייגל ציען
גאַנצע צוגן.

דורך די בערג
און דורך די טאָלן
רוישן טייכן,
מילן מאָלן.

פאַר מיין פענסטער,
איבער דעכער,
טויכן וואָלקנס —
ווייסע פעכער.

און זיי בלאָזן,
און זיי ווייען
פרילינגווינטן
דורך אַלייען.

בליטן שנייען,
פאַלן, פאַלן..
פאַר מיין פענסטער
ווייסע זאַלן.

דורך די זאַלן
און אַלײַען
גייען צייטן
און פאַרגײַען..

וואָלקנס טויכן–
שיפן, טײַכן,
ביז די ווייטסטע
וואונדער־רײַכן.

און דאָבוש
מיט זיינע יונגען
יאָגן, טראָגן,
שווערדן קלינגען.

צינדן אונטער
וואָלקנס–וועלדער,

און פֿאַרנעמען
שאָף פֿון פֿעלדער.

פֿאַר מײַן פֿענסטער
טויכן, טויכן
וואָלקנס–וועלדער,
פֿײַער, רויכן;

טויכן אונטער
און פֿאַרשווינדן–
איבער ימים
בלויע אינדן.

# דער פֿאַרוואָרלאָטער

ער איז אַזוי פֿאַרפֿרעמדט און אָפּגעריסן
פֿון זײַנע אײגענע און פֿון זײַער לעבן,
פֿון אַלצדינג, וואָס ס'האָט אים אַמאָל אומגעבן,
ווי ער וואָלט גאָרנישט ניט פֿון זײ מער וויסן.

דאָס לעבן האָט אים לאַנג שוין אויסגעריסן.
ער גײט, ווי ער וואָלט מער צו קײנעם נישט געהערן.
זײַן אויג — פֿול מענטשן, פֿענסטער און לאַמטערן, —
און ער — פֿון אַלעמען פֿאַרוואָרפֿן און פֿאַרשמיסן.

זײַן אויג פֿול זעאונגען, — זײ פֿליסן און פֿאַרגיסן —
איז ביז דער אָנגערוקטער ברעם פֿול טרויער,
און איז צעווישן אים און אַלעמען אַ מויער.
זײַן קין איז שאַרף, פֿאַרעקשנט און פֿאַרביסן;
און אין זײַן פֿעסטן און פֿאַרשלאָסענעם שטערן —
ווי ס'וואָלט וואָס כּסדר ווערן און קריק חרובֿ ווערן.

# די דערוואַקסענע

איז קוים אַריבער אירע דרײַצן יאָר.
אין גאַנג אָבער שוין מיט אַזױפֿיל שטאַט,
און אײַנגעהאַלטן ביז צום העכסטן גראַד,
ווי זי װאָלט זײַן אַן אַנדערע אַף וואָר.

דאָס רויטע קינדער־שלײַפֿל אין די האָר.
דאָס קלײדל אירס גרײַכט קוים ביז אירע קני,
און יעדע רֶגע גיט זי עס אַ צי,
ווי זי װאָלט ווײַלעווייז פֿון אים אַרויסוואַקסן גאָר.

און ווי סע װאָלט פֿאַר איר געוואָרן עפּעס קלאָר—
איז שוין אַ שעמעוודיקייט אין איר בליק פֿאַראַן,
וואָס וואַקסט ביי איר און ווערט מיט יעדן שפּאַן
ווי פֿרעמדקייט. ס'פֿאַרשווינדט יעדע שפּור פֿון קינד,
און יעדע קינדישקייט ביי איר פֿאַרשווינדט,
ווי זי װאָלט שוין געהערן גאָר אַן אַנדער דָור.

# די פּיל־געפּריוועטע

זי האָט פֿאַרזוכט די פּרוכט פֿון בוים פֿון וויסן.
און ווי זי וואָלט אין אירע דרייסיק יאָרן
מיט אַלץ אין לעבן שוין געפּריוועט געוואָרן,–
אַזוי איז איר דאָס לעבן לויטער ריסן.

זי גייט, ווי זי וואָלט פֿון קיין זאַך מער ניש וועלן וויסן,
און ווי סע וואָלט פֿאַר איר מער גאָרנישט ניט געווען.
ס'איז אַלץ געשען!
דאָס לעבן איז פֿאַר איר געגאַנגען ווי אַ קוועל,
געטראָגן זי ווי אַף אַ שטורעמדיקן טײַך
אַוועקצו צו אַ ווייטן וואונדערלעכן רײַך,
געררישט פֿאַר איר, געבלענדט זי און פֿאַרבלענדט;
און גרויסע טויטן זענען שוין געוועזן אַף איר שוועל.
נאָר איצט איז איר אַלץ פֿרעמד און אומבאַקענט.

גייט שלאַנק. און אין איר גאַנג איז שוין פֿאַראַן
די זיכערקייט פֿון זיין אַנטשלאָסן,
וואָס בייגט זיך נישט און שטרויכלט נישט אין שפּאַן
איז ערנסט, און איז טיף אין זיך פֿאַרשלאָסן.
נאָר אַז איר בליק בלייבט רוען אַף אַ זאַך אַמאָל,
איז ווי סע וואָלט זי אַף אַ רגע בלויז דערמאָנט
אָן עפּעס, וואָס איז איר אַמאָל געווען באַקאַנט.

# איינער פון אונז

דעם אָנדענק פון משה לײב האַלפּערן

און ער, וואָס האָט כּסדר זיך אַרומגעריסן
מיט אַלעמען און מיט דער גאַנצער וועלט,
און שטענדיק נאָר אַנטקעגן זיך געשטעלט,
געלעסטערט, און האָט נישט געוואָלט צו וויסן
פון וואָס־אוּדווי ס׳געפעלט און נישט געפעלט,—
ער איז דאָס גאַנצע לעבן זיינס געגאַנגען
אין שפּאַן פון זיינע אייגענע פיר איילן,
געדרייט זיך רונדאַרום זיך ווי אין צויבער־היילן,
געדרייט זיך איבער שוועלן, איבער גאַנגען,
דערהויבן, און האָט שטאָלץ אַף זיך געטראָגן
דעם יאָך פון אויסדערוויילטן, וואָס פאַרנעמט
ס׳געשריי פון יעדן, ווען ס׳לעבן האָט פאַרשעמט,
דעם יאָך פון אויסדערוויילטן, וואָס די לייד
פון אַנדערע—זענען זיינע אויך; און ברענגט זיין פרייד
אויך אַנדערע, די פרייד, וואָס אויסדערוויילטע נאָר פאַרמאָגן.
געריסן זיך מיט זיך, און פון זיך ווי פון צוואַנגען,
און האָט געבענקט ווי אַ פאַרטריקנט ערד

אַ שטיק, וואָס ווערט נאָך רעגן אויסגעצערט;
געבענקט אין האַרצן נאָך דער שיינקייט פון דעם נעכטן,
נאָך אונזער ביסל אָרימקייט פון נעכטן.
און איז געווען מְקַנֵא יעדערן, וואָס קערט
זיך אום מיט ליבשאַפט צו דער שיינקייט פון אַמאָל,
צום ביסל אָרימקייט – פאַרשפּאָט, פאַרשפּייט און וויסט,
„וואָס איז דאָך נישט קיין אָפּפאַל פון אַ קאַץ, מע זאָל
עס מיר־נישט, דיר־נישט, אַרויסוואַרפן אַפן מיסט."
און נאָך אַ היים האָט ער געבענקט – אַ ווייטע פרעמד,
און נאָך די אָבות, וואָס שוין לאַנג אין טויטנהעמד;
און נאָך די קינדער־יאָר, די יינגל־יאָר,
„וואָס זענען איינס מיט אים ווי זיינע אייגענע האָר."
אויך דעמאָלט האָט זיין האַרץ געוואוסט פון זאָרגן,
שוין דעמאָלט האָט זיין האַרץ געפרעגט דעם אייביקן „פאַרוואָס?"
פאַרוואָס מוז זיין פאַרפול גאָטס טרערדקָוס
מיט טרערן פון געפלאָגטן, ביז ער לייזט אים אויס?
פאַרוואָס? – „און ווען דער אָדלער פאַלט, פאַרוואָס
מוז זיין די ראָב, וואָס רייסט די אויגן אים אַרויס?"
נאָר דעמאָלט האָט דער מאָרגן נאָך פאַרבאָרגן
אַזויפיל ליכטיקייט, חַלוֹמוֹת אין זיין ברוסט;
און ס'האָט זיין יינגל־האַרץ אויך דעמאָלט נאָך געוואוסט:
גאָט פירט די וועלט און בײַט די צייטן פון דעם יאָר,
„מאַכט אויפבליען דעם פרילינג און פאַרגיין,

און טרייבט דעם ווינט אין האַרבסט דורך וואַלד און פֿלוין;"
מאַכט פּאַלן, און געפאַלענע – דערהויבן,
און וואָר איז ער, און וואויל איז די, וואָס גלויבן,
ער צאָלט, ווען ס'קומט די צייט, אַיעטווידן זיין לוין.
„נאָר אין דער פרעמד, אַף פרעמדער האַרטער ערד,
„אין ווילדן רויש, וואָס האָט זיין יוגנט אים צעשטערט,
„האָט ער געפילט זיך איינזאַם און פאַרפרעמדט,
„זיין שטאָלצער גייסט – פאַרלאָזן און פאַרשעמט."
אַ הונט צעווישן הינט און מיר און דיר,
„אַ הונט, וואָס גוט איז אים די שוועל פון יעדער טיר.
„און רולאָז ווי זיין פאָלק, וואָס האָט זיך איינגעליבט
„אין ערגסטן ווינקל פון דער נייער פרעמד."
אים האָט זיך אָפטמאָל אויסגעדאַכט, אַז ער אַליין
ליגט אַף אַ שייטערהויפן, מע רייסט און קעמט
מיט קאַמען אייזערנע זיין לייב. ער שוויגט און נעמט
פאַר ליב זיין וויסטן גורל אָן. ער פרעגט נישט מיין,
ער שוויגט, און פרעגט נישט מיין דעם אייביקן „פאַרוואָס?"

# אַ דזשענטעלמאַן ווי ריטשאַרד קאָרי

הלל ראָגאָפן אין פריינטשאַפט
צו זיין פופציק יעריקן יובילײ

ער איז אַ דזשענטלמאַן ווי ריטשאַרד קאָרי,
און איז אַזוי צוריקגעהאַלטן, אָפּגעהיט,
ווי ער וואָלט נישט געמאַכט קיין איבעריקן טריט
קיינמאָל — אין לאַנד פון האַוועניש און „האָרי".

און אַז ער רעדט — הערט ער אין זיך זיך צו,
ווי ער וואָלט וואַרטן ביז זיין וואָרט וועט רײַפן;
ער רעדט עס אויס דערנאָך מיט זיכערקייט און רו,
ווי ער וואָלט וועלן עס אין פולער טייטש באַגרײַפן.

אַ בוים אין מיטן שטאָט, — געררויש אַף שריט און טריט —
דורך זיינע צווייגן זינגט דער ווינט זיין ליד
אין אַלע צייטן פון דעם יאָר, ער זינגט און פײַפט...
ער טראָגט דעם זומען טיף אין זיך פאַר בלאַט און בליט;
און ווען סע קומט די צייט — גייט אוף זיין צוויט,
און ער טראָגט אויס די פּרי, ביז זי צײַטיקט זיך און רײַפט.

## רונדאַרום אַרום דער וועלט

רונדאַרום,
רונדאַרום
שווימט די שיף
אין יאַמען אום.

שטורעמווינט,
זונענשיין,
אָט אַזוי
טאָג־אויס, טאָג־איין.

אינזל־לאַנד
כּישוף וואו,—
שווימט די שיף
צום אינזל צו.

פּערלמוטער,
עלפאַנטביין,
מײַסטער־אַרבעט
און געשטײַן,

און קאַרעלן,
און בורשטין —
גאַנצע הויפנס
יעדער מין.

לאָדט מען אָן
ביזן דעק,
און מע פאָרט
פון דאָרט אַוועק.

אויסגעוועבן
אומעטום —
קערט די שיף
צוריק זיך אום.

רונדאַרום,
רונאַדרום
קערט די שיף
אַהיים זיך אום.

אָנגעלאָדן
מיט פאַרמעג,

קומט די שיף
אַהיים צום ברעג.

ווערט אַ רַעש,
אַ געשרײַ,
אַ געלאַף
און אַ געדרײַ.

צו דעם ברעג,
פֿון דעם ברעג;
און מע לאָדט אויס
דאָס פֿאַרמעג:

פּערלמוטער,
עלפֿאַנטביין,
מײַסטער־אַרבעט
און געשטיין.

און אַפּסנײַ —
רונדאַרום —
פֿאָרט די שיף
אין יאַמען אום.

# פֿאַרגאַנגענהייט

אַ וויגליד אין אַ שכֵניש הויז פֿאַרנאַכט
דערמאַנט די ווייטע היים אין די קאַרפּאַטן:
דאָס ייִנגל פֿאַרן הויז וואַרט אַף זיין טאַטן,
ס׳קומט מיט דעם וועג אַן אורח אַף דער פֿאַכט.

דער אָוונט עפּנט ווייטע טויערן אין דער נאַכט.
די שוועסטער נייט איר חלום אויסביים שיַין, דעם מאַטן;
דער איינזאַמער אין שפּענצערל, אין וואַטן,
גייט טיפֿער אין זיך, ווי דורך הייַלן פֿון אַ שאַכט.

סע ווערט דער אָוונט ווי אַ גרויסע וואַכט.
די ווערטער קומען ווי דער עכאָ פֿון די בערג,
און גליען ווי אַנטפּלעקונג הינטער יעדן שטערן;
סע עפֿנט זיך דער קינדערלאָזערנס פֿאַרשלאָסענע טראַכט,
און ס׳וואַכן אויף די נישט־געזעטיקטע באַגערן.

# דעמערונג

אין דעמער פון דעם אָוונט ליגט דער גאָרטן
און זינגט פאַר מיינע טריט מיט קנאַפּערס און מיט גרילן;
די גאַסן רונדאַרום — מיט באַנען און אויטאָמאָבילן, —
ס'לײַכט אויף די שטאָט פון ווייטנס ווי אַ ליכטיקער באָרטן.

אין דעם געזאַנג פאַרנאַכט, אין זעגן און אין טרילן,
גייט אויף פאַרגאַנגענהייט ווי וואונדער־ווייטן;
דער גאָרטן און די גאַסן נעמען זיך פאַרבייטן —
ס'רוישט אויף אַ טייך מיט ברעטזועגן און מילן.

אין דעמער פון דעם אָוונט נעמען רעדן שטילן,
און וואָס סע האָט געשלומערט — הייבט אָן ווערן וואַך: —
אַ ייִנגל קלעטערט צו די שוואַלבן אונטערן דאַך,
און אַף דעם גאַניק זינגען קינדער און זיך שפּילן.

אַ רייטער קומט צו רייטן מיט דער ווייסער שטראָז
און שטעלט זיך בײַ דער ברונע אָפּ, זיין דאָרשט צו שטילן,

טרינקט אָן דאָס פּערד און לאָזט עס אָפּ אין גראָז,
קומט צו צום הויז דערנאָך—אין שאָטן זיך צו קילן,—

פאַרנייגט זיך גנעדיקלעך, און רעדט אַ פרעמדע שפּראַך,
ס'גייט אויף מיין זעל געשטאַרקט מיט נייעם ווילן;
די ווייַט נעמט ווי פון אַ טומאַן אַרויס זיך הילן,
און זעג און מילן ווערן ווי אַ וואונדערלעך געמאַך.

## דער צוריקגעקומענער

באַגינען זעט מען אים איבער די גאַסן שפּאַנען,
באַטראַכט מיט ליבשאַפט הייזער, קראָמען און פּאַרקאַנען;
ער שטעלט זיך פאַר אַ גאָרטן, אַ פּאַרלאָזטן, אָפּ,
ווי ער וואָלט אופגעמישט אַ ליב געדעכעניש אין קאָפּ.

ער וואָגלט מיט זיין בליק אום איבער ווייטע לאַנען,
סע טוקן וואָלקנס — בילדער אוף, ווי פון טומאַנען:
אַ טאַרטאַרק און אַ מיל, דער שרײַעוודיקער פּרוט,
געבערג מיט סאָסנע וועלדער און אַ גוט נאָך גוט.

דער שמעקעוודיקער ליפּעצוויט בליט אַף אַלע וועגן,
סע שרייט דער פּרוט אַן אויפגעשוואָלענער פון רעגן;
סע קומען סוחרים אָן, מיט בריטשקעס שטויבט די שטראָז,
און ס׳עפנט זיך די ווייט ווי אַ פּאַרקישעפּט שלאָס.

דערנאָכדעם זעט מען אים אַרום בית־מדרש שפּרייזן,
די טויבן וואָרקען אַף דעם דאַך, די טויבן קרײַזן;

אַ זיסער ניגון האָט אים מיטאַמאָל דערמאָנט
אָן עפּעס, וואָס איז אים געווען אַזוי באַקאַנט.

סע פאַלן חזירניס, און ס'פאַלן די קאַשטאַנען,
די גערטנער פאַר די הייזער טריקענען און וויאַנען,
די פענסטער צוגעשלאָגן און פאַרלייגט מיט מאָך,
און ס'דריקן דעכער ווי דער וואָכעדיקער יאָך.

סע ליגן גאַסן ווי די חרובע פּאַלייען,
סע גייען וואָלקנס. ס'שמעקט די לופט מיט שנייען.
די אָרימקייט, דער רינגפלאַץ און אַלייען,
ס'בית־מדרש און די קלויז, וואָס זינקען אין דער ערד,
זיי האָבן אים אַ לעבן אין דער פרעמד געגערט.

# אין מיטן וועג

דאָס פענסטער אַף דעם אײַבערשטן עטאַזש
האָט אופגעלויכטן ווי אַ ניש אין אַ קאַפּעלע,
אַף ביידע זייטן העלן אוף צוויי געלע
וואַקסליכט;– דער וועג פאַרשווינדט אין אַ מיראַזש.

איך ווייס נישט – ווי אַזוי קום איך אַהער?
וואוהין פירט איצט מיין וועג מיך ווייטער?
אַ רייטער הינטן, און פאָרויס אַ רייטער,
און דו אַנטקעגן – טרויעריק און שווער.

אָ, מוטער, כ'האָב אַזויפיל יונגע יאָרן
געלאָזן צווישן פרעמדע מענטשן, געטער,
געזעסן אַ פאַרשעמטער צווישן שפעטער –
געגאַנגען דורך גענאָד און צַער און צאָרן.

איצט שטיי איך דאָ אין מיטן וועג פאַרלאָרן, –
דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך מיטאַמאָל געעקט;
די וועגן און די ווייטן – פאַרשוואונדן און פאַרמעקט,
דאָס פענסטער אויסגעלאָשן הינטער שטאָרן.

# מײַן פֿאָטער

ער שטײט בײַם פֿענסטער, שטײט װי פֿאַר אַ שפּיגל,
און קוקט אין זיך. אין זײַנע אױגן טרױם און טרױער.
אַנטקעגן אין דער גאַס פֿאַרשװינדט די רױטע מױער,
און ס'עפֿענען זיך װײַטן װי גרױסע טױער־פֿליגל.

סע לײַכט די זון אים װי אַ פֿײַערדיקער זיגל,
זײַן פּנים אױסגעבלײַכט, דער שטערן אָפֿן.
ער זעט די קינדער זײַנע אין דער װעלט צעלאָפֿן,
דאָס לעבן זײַנס צעװאָרפֿן װי די חורבֿה־ציגל.

און מיטאַמאָל ציט ער זיך אױס, און שטאָלץ און שטײַף
און מיט אַ פֿעסטן גאַנג הײבט ער אָן שפּרײַזן.
און װי סע װאָלט אין זײַן געדאַנק װאָס װערן רײַף —
גײט ער אין הױז אַרום מיט זיכערקײט און שטיל
װי ער װאָלט גײן צו אַ באַשטימטן ציל,
הגם ער האַלט דיזעלבע דלת־אַמות אין אײן קרײַזן.

# דער בעל־שם־טוב

### אַן איבערדיכטונג

און ער איז טיף אין זיך אַזוי אַריַינגעטון,
ווי ער וואָלט זיַין די אָפּנקייט פון דעם אינדרויסן,
מיט וואַלד און וויַיטן, און מיט אַ שטראָם אַ גרויסן,—
און איבער זיי איז ער דער הימל און די זון.

ער טראָגט אין זיך די טיפע דעמערונג פון קלויז,
די צופלוכט און די רו, דעם ווילן און דאָס שטרעבן;
ס'לייַכט אויף מיט אים דאָס וויַיטסטע שפּלדיקסטע הויז,
ס'גייט אויף מיט אים די נייַע האָפענונג אין לעבן.

ער האָט געגראָבן פּאַר זיַין האַרץ אַ טיף,
זיין קלאַפּן קומט פון וויַיט ווי פון די בערג;
ער איז די הילף, אין שטורעם־יַם די רעטונג־שיף,
און די דערוואַרטונג פון יערידן אַף די מערק.

ווי גאָטס אַ קנעכט גייט ער זיַין וויַיטן גאַנג,—
אַ שטעקן אין דער האַנט, אַ שטריק אַרום די לענדן;
ער איז אומעטום, זיַין לעבן גייט ווי אַ געזאַנג,
און ווי ער וואָלט שוין אומגעגאַנגען אין לעגענדן.

# אין פאָרשטאָט

כּיאור. דער ווײַסער ווינטער האָט ביינאַכט
זיך ברײַט צעלײגט פאַר אַלע שוועלן,
די דעכער בלענדן און די גאַסן העלן,
סע האָט אַ ווײַסע ווײַטקייט ווײַט זיך אופגעמאַכט.

סע עפענען זיך טויערן און טירן,
דער באַלעגאָלע שפּאַנט די אויסגערוטע פערד,
די באַלעגאָלעכע — דעם שנײַ פון שוועל פאַרקערט, —
דאָס לעבן הײבט פאַמעלעך אָן זיך רירן.

סע ברענגען פּויערים פון דאָרף צו פירן
אַפּולע שטײַגן פול מיט הינער און מיט גענדז,
און ציבעלעס און קנאָבל גאַנצע קרענץ;
די קרעמער שטײען גרײטע פאַר די טירן;
די רויטע קוימענס רײכערן זיך אין די בלאָען,
און אין די הויפן דרײען זיך די דאָלן און די קראָען.

# אַף דער פּולער וואָך

קלעזמאָרים שפּילן אַף דער פּולער וואָך—
אַ זינגעוודיקייט פּילט אָן אַלע שטיבער.
די זיסע רו פון שבת איז אַריבער,
און קומען קומט מיט אַלעמגוטס די פּולע וואָך.

דער פּאָטער מיט רֶבּ הערשן שפּילן שאַך,
דאָס יונגוואַרג שפּילט אין דאָמינאָ און איקס־מיקס־דריקס;
סע שמעקט געבעקס און ס'שמעקט די בשׂמים־ביקס,
דער מוטערס ליבשאַפט איז אין אַלע ווינקלען וואַך.

עס זינגט די פּולע וואָך מיט קינדערלעך אַסך;
אין סאַליע גליען גלעזער גילדענע טיי און וויין;
אין הויף און דרויסן רוישט די שווערקייט פון דעם יאָך;
דער באַלעגאָלע שפּאַנט די פערד אין וואָגן איין,
קאָליעסן איילן זיך אין מארק אַריין,
און די קלעזמאָרים שפּילן, שפּילן אַף דער פּולער וואָך.

# דער גאַסט

ער איז פֿון ערגעץ אין דער וועלט געקומען,
פֿון פֿאָרנט מיט אַ שווערער גילדענער קייט,
און מיט אַ פֿערשטער הוט, אין לאַץ—אַ קוויט,
און האָט די שענסטע שטוב אין האַרבעריק פֿאַרנומען.

האָט אָפּגעקויפֿט די זעג ביים טייך, די מילן,
און האָט געזוכט אַן אוצר פֿון סאָביעסקיס צייט.
מע האָט פֿאַרגעסן מיטאַמאָל געצאַנק און שטרייט,
און יעדער האָט געוואַרעמט פֿריידיקע געפֿילן.

סע האָט דער בעז געבליט אין די אַלייען,
ער האָט געשפּילט אַף פֿידל און אַף פֿלייט;
ס'האָט יונג־און־אַלט זיך אַרום אים געדרייט,
ביז ס'האָבן זיך געלייגט די ערשטע שנייען.

און ווי געקומען—אַזוי איז ער פֿאַרשוואונדן,
געבליבן איז אין שטאָט אַ בענקשאַפֿט און אַ קלאָג;
פֿאַרזעסן זענען מיידלעך ביז אַף היינטצוטאָג
און היטן אָפּ אין האַרצן זייערע זיסע וואונדן.

## דאָס מיידל פון דעם איינפאָרהויז

דאָס מיידל אין דעם פענסטער פון דעם איינפאָרהויז—
זי וואָגלט מיט איר בליק איבער די ווייטע וועגן.
סע קומען וועגענער און בוידן איר אַנטקעגן.—
אין גערטל פאַר דעם פענסטער בליט די רויטע רויז.

דערוואַרטונג קוקט ביי איר פון יעדן ריר אַרויס.
ס'פאַרפאָרן וואויל־לערנערס, ס'פאַרפאָרן קאָמעדיאַנטן,
און סוחרים קומען אָן פון ווייטע קאַנטן,
אַ רײַטער אין אַ פּאָלערינע יאָגט פאָרויס.

דער רײַטער ציט אַ בלימל פון זיין לאַץ אַרויס.
ס'אַ ליבשאַפט ס'קומט אַריבער אירע אויגן;
זי הערט איר נאָמען אַזוי ליב פאַרצויגן.
דער רײַטער וואַרפט דאָס בלימל איר אין שויס.

דאָס מיידל אין דעם פענסטער פון דעם איינפאָרהויז—
זי ווייסט זיך נישט פון פרייד וואוהין צו ווענדן.
אַזויפיל שײַנקייטן פאַר אירע בליקן בלענדן.—
אין גערטל פאַר דעם פענסטער בליט די רויטע רויז.

# נייע צייטן

אין שכֵנות ביי דעם פּויער זינגט דער פֿידל–
דעם שָכנס שײַגעץ לערנט זיך אַ פֿידלער זײַן;
אין אונזער שטיקל גאָרטן זינגט דער רידל–
מיין ברודער אַרבעט ביזן שפּעטן אָוונטשיין.

דעם שָכנס שײַגעץ גייט אין דער גימנאַזיע,
ווי אָנגעצויגן ער איז אין סטודענטישן מונדיר;
ער רעדט לאַטײַן, און פֿון דער ווילדער אַזיע,
און גריסט זיך מיט מיין שוועסטער העפֿלעך אַף שפּאַציר.

מיין ברודער האָט פֿאַרוואָרפֿן דאָס שטודירן
און אַרבעט ווי אַ גוי, להַבדיל, אַפֿן פֿעלד;
ער רעדט פֿון אֶרץ־ישׂרָאל, און פֿון אַ נַחלה, אַ געצעלט,
און לײַענט יעדן שַבת אַ העברעאיש בלאַט;
ער רעדט פֿון נײַע ייִדן און פֿון אַן אײַגענעם שטאַט,
וואו ייִדן וועלן זיך ווי יידן פֿירן.

# אין פאַרקישעפּטן קרייז

אין אַ קרייז
רונדאַרום,
שפּרייז איך, שפּרייז,
דריי מיך אום.

וואו איך טרעט —
ווייַ־געשריי;
אַ געבעט,
וואו איך שטיי.

אַ געשטאַלט
קעגן מיר,
גליטשיק־קאַלט —
כאָטש פאַרפריר.

וואו איך טאַפּ —
שטייט אַ טראָל;

וואו איך קלאַפּ—
נישט אַ קול.

קאַלט ווי אײַז
רונדאַרום;
שריי און בײס
און פאַרשטום.

אין דעם ראָד
און ביי ווענט,
טראָט נאָך טראָט—
נישט דערקענט.

אַ געדאַנק
בריט און ברענט:
נאָך ווי לאַנג
אין די ווענט?

# אין שענק

ווי רעדער—אָנגעוואָרפן, אָנגעהויפט
אין אַלע ווינקלען און אינמיטן, ענג
אַרום די רונדע טישן אין דעם שענק,
אַף שווערע בענק און שטולן זופט און זויפט
פון דיקע גלעזער און פון קרוגן יעדער.
אַזאַ צעוואָרפנקייט ווי שווערע רעדער
וואָלטן זיך אָפּגעלאָזן און צעטראָגן
אַף אַלע זייטן רונדאַרום דעם וואָגן,
נאָר אָט האָט עפּעס זיך וואָס אופגעשרויפט;
פון ראָד צו ראָד און פון איין רינג צום צווייטן
נעמט דרייען זיך און שווינגען און באַגלייטן
איין קלאַנג דעם צווייטן קלאַנג, ביז אַ געזאַנג
כאַפּט אַלעמען אַרום, ווי ווינטן מילן,
ווי פרייד די קינדער אין די קינדער שפּילן.
און פאַר אַ יעדנס אויגן אין געטראַנק
נעמט גיין דאָס לעבן ווי אַ פולער שטראָם;
סע גייט, גייט רונדאַרום אַרום דער וועלט,
פון וואונדער־ריַיך צו וואונדער־ריַיך,
און ווערט פּאַרפּאַלן ערגעץ וואו אין תּהום;
סע קומט און גייט—דורך טאָל און באַרג און פעלד,
און באַ דעם ברעג אַ שטוב און אַ געצעלט,

אַ גאָרטן און אַ שטאַל, אַ חזיר און אַן עוף,
אַ פּאַסטעך מיט אַ פּײַפֿל און אַ סטאַדע שאָף;
סע וואַשן מיידלעך באָרוויסע די וועש אין טײַך,
און קינדער שפּילן זיך אין זאַמד: אַ ייִנגל
לאָזט שיפֿלעך אַפֿן וואַסער צו דעם וואונדערלאַנד,
וואָס מינעט זיך פֿאַר אים הינטער דעם ראַנד
פֿון באַרג. דאָרט איז פֿאַרבאָרגן אַזאַ וואונדער־רינגל:
אַ דרײַ אַהער, אַהין — און ס'עפֿענען זיך פּאַלײַען
און קאַמערן מיט גאָלד און האָב־און־גוטס,
און גערטנער מיט פֿאָנטאַנען און מיט וויזן;
אַ דרײַ — און ס'קומען אָן באַשילדטע ריזן
און נעמען ס'ייִנגל אונטער זייער שוץ.
זיי גײַען דורך געהײַמע הײַלן און אַלײַען
און פֿירן אים דורך זינגעוודיקע סעדער,
דורך זינגעוודיקע רינגען, רעדער,
און ערגעץ פֿון אַ קאַמער טיף גייט אַ געוויין,
גייט אַ געוויין — גייט טיף אין אים אַליין;
סע גייט און גייט, און ס'גייט דער טײַך
און ס'לעבן גייט, גייט איבער אין אַן אַנדער רײַך.
די כוואַליעס טראָגן, כוואַליעס רוישן, יאָגן,
זיי קלאָגן אַפֿן שווערן לעבן אַף דער וועלט...
און ווי מע וואָלט די רעדער אופֿגעשטעלט
און אַפּדאָסנײ באַהעפֿט אין וואָגן —
ראָלט רונדאַרום אַוועק וואו דאָס געזאַנג.

# די נאַכט פֿון ניטל

דעם גאַנצן ליבן טאָג האָט מילד געשנייט.
די שליטנס אין די גאַסן האָבן ווילד געזונגען,
די קלויסטערס האָבן יום־טובדיק געקלונגען,
די גויעם — ווי זיי וואָלטן זיך אַף וואָס געגרייט.

אין אָוונט איז די גאַנצע שטאָט שוין שווער פֿאַרווייט.
דער פֿראָסט שפּאַצירט אַרום אין פֿראַנזן און אין טראָלדן,
די פֿענסטער לײַכטן זילבערן און גאָלדן.
דער אָוונט האָט אין הויז אַ וואַרעמקייט פֿאַרשפּרייט.

אָ וואונדערלעכע ווייסע נאַכט פֿון ניטל!
אַן אײַנגעהאַלטנקייט לויערט אין אַלע ווינקלען;
דאָס פֿײַער הודיעט און די שויבן פֿינקלען,
דער פֿאָטער שפּילט אין דאָמינאָ מיט ביטול;
דער אָוונט זומט מיט קינדער און געזאַנג,
מיט מַעשׂות גרויזאַמע אָווינע שוין פֿון לאַנג.

## ביים שניידער

די נײַ־מאַשינען זינגען אַף דער פולער וואָך,
סע נײַען די געזעלן און זיי ברומען אונטער;
און אַלע ווינקלען רוישן פול מיט אַרבעט מונטער—
אַוועק די צײַט, ווען ס'איז קיין אַרבעט נישט געווען קיין שטאָך.

די באַלעבאָסטע קאָכט אַ מַלכותדיקן קאָך:
קאַרטאָפל מיט די פעלצלעך און טיי פון ליפּע־צוויט;
דאָס זויערקייט און אוגערקעס רײַצן דעם אַפּעטיט—
מיט זאַטער זיסקייט און געזאַנג רוישט די פולע וואָך.

און אַלעמען איז ליב און לייכט דער יאָך פון דער פּרנָסֶה.
דער שווערער זײַגער זינגט און עס זינגען די מאַשינען,
די גאַנצע ווערקשטוב רוישט און זומט ווי האָניק־בינען;
די שויבן בליען בלוי מיט בײַמער און מיט בליטן,
סע בײַטשט דער ווינט אין דאַך ווי ער וואָלט אַף דער שטוב געריטן,
און ס'שנײַדט דער פראָסט אין גאַס ווי מיט אַ בלויער קאָסע.

# אַ מעשׂהלע מיט דעם בעל־שם־טוב

**נאָך ניזאַמיס אַ מאָטיוו**

**דעם ליטעראַטור־קריטיקער, ש. ניגערן, חבריש**

אַמאָל איז דער בַּעל־שֵׁם־טוב, זַ"ל, געגאַנגען
מיט זיינע נאָנטע נאָנטע דורך אַ פעלד מיט זאַנגען.
אַזוי איז ער דערגאַנגען צו אַ שטאָט,
און תּיכּף איז געוואָרן אַרום אים אַ ראָד.
מ'האָט אים באַגאַפט, באַוואונדערט, נאָר נאָך מער
ווי אים, להבדיל, אַ טויטן הונט אין מיטן סקווער.
אָט דאָ איז ער געלעגן, האַלב פאַרפוילט;
און ווי די רויבפייגל איז גרויס און קליין
געשטאַנען אַרום אים, געפּלאַפּלט און געגרוילט:
פע! האָט זיך אָנגערופן איינער: ס'אַ געשטאַנק
אַז מ'קאָן דאָ ווערן קראַנק.
און באַלד — אַ צווייטער: שוין דאָס אויסזען זיינס אַליין
באַשלאָגט צום האַרצן. און דערנאָך
אַ דריטער און אַ פערטער מיט זיין שפּראָך.
ס'האָט יעדערער געפונען שוין אַ וואָסער גרונט
אָף צו באַפּלאַפּלען דעם פאַרפוילטן הונט.
נאָר דאָ איז דער בַּעל־שֵׁם־טוב נענטער צוגעגאַנגען —
סע האָט פאַרשמעקט מיט זון און זאַנגען

און מיט דעם װאױלגערוך פֿון פֿרישן שניט:
זעט! האָט ער אָנגעװױזן שטראַלנדיק: די צײן
בײ אים, זײ זענען פּערל־רײַן!
און מיט אַ שמײכל, אַז די, װאָס האָבן דאָס געהערט,
האָבן אױפֿגעציטערט װי סע װאָלט די ערד
זיך אױסגעגליטשט פֿון אונטער זײערע טריט.

# פּורים

אין הויז איז וואָך און יום־טובדיק צוזאַמען.
די שַבָּתדיקע לײַכטער און די העסעס ברענען,
דער פּאָטער הײַנט — איז גאָר נישט צו דערקענען —
ער שפּילט זיך מיט די קינדער, שפּאַסט און רעדט אין גראַמען.

דערצײלט אַ נײַעס יעדע ווײַל דער מאַמען,
און טײלט די אָרימע מיט דער פולער האַנט פון בײַטל מינצן;
סע שמעקט געבעקס אין שטוב מיט אַלע זיסע טַעמים,
און ס'קומען פּורים־שפּילער ווײַזן זײערע קונצן.

זיי קומען אָנגעגורט מיט הילצערנע כּלֵי־זַיִן,
מיט קרוינען פון פּאַפּיר, און הײבן אָן צו זינגען:
דער רָשע הָמן וויל זיין צאָרן אין די ייִדן שטילן,
און גוט און פרום איז מָרדכי, ווי סע שטײט אין דער מגילה,
און ליב און לויטער חֵן איז אֶסתּר און אַ שטילע, —
טוט אַכאַשווערעש, איר צוליב, די ייִדן גלײַך באַפרײַען.

## אין אַלע פֿענסטער

די זון אין דרויסן הענגט אַף אַלע צאַמען,
זי הענגט אין אַלע פֿענסטער און אַף דעכער;
דער פֿרילינג קריכט און שפּראָצט פֿון אַלע לעכער
און קלעטערט מיט דעם ווילדגראָז אַף די ווענט און שטאַמען.

די דינסט האָט פֿריער נאָך באַוויזן אויסצוראַמען
דאָס איבערבלייַב פֿון ווינטער אין אַלע ווינקלען.
דער שפּיגל, בעטן און די שאַפֿענערן פֿינקלען,
דער מִזרח און די כּותל לייַכטן אין די ראַמען.

די טירן שטייַען אָפֿן. פֿרילינגרווינטן וויַיען.
די גאַסן קלינגען מיט די קינדערשע געשרייַען;
אויך דאָס מעזינקל האָט אָפּגעלאָזט די מאַמען
און שפּילט זיך שוין אין גאַס מיט אַלעמען צוזאַמען.

# אליהו הנביא

אָ, פרישע פרילינג־טעג פון חודש ניסן,
די פעלדער מיט גרינעם לעבן בלענדן.
מיט די טײַכן און פעלדער גײט צופוסן
אֵליָהו הַנָבִיא מיט אַ שטריק אַף די לענדן.

ער גײט און גײט, און–אָט נעמט טונקלען,
ער זוכט אין דער ווײַט וואוהין זיך צו ווענדן;
מיטאַמאָל לײַכטן אוף די ווײַטן און פינקלען
מיט ליכטיקע שטיבער און לעגענדן.

די פענסטער לײַכטען מיט יום־טוב און בלענדן,
די טישן–מיט גילדענע כּוֹסוֹת און קְעָרוֹת,
די שטיבער–מיט קינדער און לעגענדן,
זיי זינגען פון אַלע ווינקלען און שפּאַרעס.

די טירן און שטיבער שטײען אָפן:
ווער סע דאַרף, זאָל הײַנט קומען צו אונז און עסן.
די קינדערשע אויגן מיט יום־טוב און האָפן:
אֵליָהו וועט קײנעם נישט פאַרגעסן.

# וואויל איז דעם בײמעלע

א פאָלקסליד

מײן ליבן יוגנט־חבר אליה זאַרגער.

וואויל איז דעם בײמעלע,
וואָס סע וואַקסן אַף אים פלוימען;
וואויל איז דעם מײדעלע,
וואָס טוט זיך אין ערגעץ נישט זוימען.
וואויל איז דעם טאַטן און דעם קינד,
אַז וואויל איז דעם גאַנצן הויזגעזינד.

וואויל איז דעם בײמעלע,
וואָס סע וואַקסן אַף אים באַרן;
וואויל איז דעם מײדעלע,
וואָס לאָזט זיך נישט נאַרן.
וואויל איז דעם טאַטן און דעם קינד,
אַז וואויל איז דעם גאַנצן הויזגעזינד.

וואויל איז דעם בײמעלע,
וואָס סע וואַקסן אַף אים עפּל;
וואויל איז דעם מײדעלע,
וואָס האָט שׂכל אין קעפּל.
וואויל איז דעם טאַטן און דעם קינד,
אַז וואויל איז דעם גאַנצן הויזגעזינד.

## דאָס ליד פון פרילינג

ביים סוף פון גאַס – פיר וועגן ווי וואַגאָנען,
מיט טאָפּלטע געשפּאַנען, בונטע פערד־געשירן,
באַהאַנגען און באַפּאַרבט מיט שטרײַפן און קאָלירן, –
סע קלינגען גלעקלעך און סע ווײַען פאָנען.

און פון דער גאַנצער גאַס און די אַרומיקע אַלײען –
פון קינדער אַ געלאַף ווי אַף בײַז וואונדער.
און אײדער וואָס־אוןווען שוין שטייט אַ צירק, אַ רונדער,
אַ דרײַקאָמעדיע האַלט זיך אין איין דרײַען.

און פאַר דעם צירק אַף ברעטער די פּאַיאַצן
מאַכן אַ קאַצניאָמער, אַ געפּילדער;
אַ שוואַרצער טאַנצט אַף אַלע פיר ווי ס׳טאַנצט אַ ווילדער,
און איינער זעצט מיט הענט און פיס אַף פּויק און טאַצן,
אַן אַנדערער שלינגט פײַער, זאָגט בעת־מעשה וויצן,
און לײגט צום סוף זיך שלאָפן אַף צוויי שווערדן־שפּיצן.

## פאַר דער פאָרשטעלונג

דעם גאַנצן טאָג איז אַף אַ גאַר אַרומגעפאָרן
אַ באַנדע קאָמעדיאַנטן און פּאַיאַצן,
געדזשינדזשעוועט אין פויקן און אין טאַצן,
געפּײַפט אַ זיבנפּײַף, געבלאָזן אַף אַ האָרן.

און מיט דעם שטערן־אופגאַנג אין די פרילינג־בלויען
אין בײַ דעם צירק אַ האַלבע שטאָט געשטאַנען;
געקומען זענען ווײַבער מיט די מאַנען,
און פּײַן־פּאַרפּוצטע הערן מיט די פרויען.

און קינדער אין די יום־טובדיקע היטלען און מלבושים—
זיי האַלטן זיך ווי סטאַטיקעס לעם טאַטע־מאַמע.
אַ הינטל איז אַנטלאָפן פון די אָרעמס ביי אַ דאַמע,
דער הער, אין איינע צרות, לויפט אַרומעט חושים..
און ביים אַרײַנגאַנג אין אַ שטײַג געפאַנגען
ברילט מורא'דיק אַ לײַב און רײַסט די שטאָלן־שטאַנגען.

# הינטער די שטאָט־מויערן

אַזוי צונויפגעדריקט, צונויפגעשלאָסן,
ווי ס׳וואָלט זיין הימלעכער וואָס נעענטער צוזאַמען,
צונויפגעוואַקסן מיט דער ערד, ווי אַלטע שטאַמען,
געדריקט און איינגעבויגן שטאָק אַף שטאָקן,
ווי ס׳וואָלט זיי אייביק עמיצער געשראָקן,
און ווי סע וואָלט אַף זיי זיך אויסגעגאָסן
די גאַנצע שווערקייט פון דעם שווערן לעבן.

פאַרנאַכט־צו הייבן אָן די שאָטנס שוועבן.
זיי גייען פון די ענגע הויפן און אַלייען
אַרויס־צו פאַר די טויערן און שוועלן,
און וואו נאָר ס׳נעמט אַ פענסטער העלן;
זיי וואַקסן איבער אַלע מויערן און דעכער
אַרופצו צו דער הויכער בלוי און העכער,
און ווערן פריי פון אַלע הויפן און אַלייען.

# זומער־אָוונטן

אָ ליבע, לינדע אָוונטן פון זומער!
סע אָטעמט פאַר דעם הויז אַ רואיקער דער סאָד,
פון ווייטן הילכט דער מידער רויש פון שטאָט;
דער ווינט באַוועגט זיך ווי אין וויגעוודיקן שלומער.

סע האָט דער טאָג געדריקט, ווי ס'דריקט דער יאָך פון לעבן,
און איז געהאַנגען, ווי אַ וואָלקן איבערן שטערן,
געבויגן זיך פון שֶפע און פון עָול פון שווערן,
געקלעטערט איבער רוקנס ווי אַף ווענט די רעבן.

איצט שווינדט די שווערקייט, לייכטער ווערט דער קומער.
אַף דער האַרמאָניע שפּילט פונאַנדער זיך דער שטיפער.
צוויי קיפער שטייען ווי אַ טויער פאַר דעם הויז;
סע טוליעט זיך די זיסע רו אין יעדן שויס
און וויגט זיך, ווי דער הימל, רונדאַרום מיר,—
פון טייך קומט דאָס געזאַנג פון יונגע שיפער.

# דער אַלטער שניידער

דער אַלטער שניידער ביי דער מאַשין,
ער טראַכט פון די יאָרן, וואָס קומען אַהין.

די זון גייט אויף און די זון פאַרגייט,
און ער אין זיין ווערקשטוב נייט און נייט.

זיינע אויגן זענען מיט בילדער פול,
ס'ציט זיך בילד נאָך בילד ווי דער פאָדים פון שפול:

דאָס קליינוואַרג ליגט אין שטוב אַף דער ערד,
און איז אַלעמאָל הונגעריק און אויסגעצערט.

ער זעט זיך אַ יינגל אין חדר, אין שול,
ער זעט זיין פאָטער אַפן זעלביקן שטול.

אַ בילד נאָך אַ בילד: ביים טייך און אין מאַרק,
צוזאַמען מיט חברה אין וואַלד אַף דעם באַרג.

די העקער האַקן האָלץ אין דעם וואַלד,
(און אין שטוב איז ווינטער אַלעמאָל קאַלט).

דעם שָׁכנס מיידל וואַשט וועש ביי דער מיל,
פאַרנאַכט איז זי תָּמיד מיט אים אין אַ שפּיל.

אַ בילד בליצט אויף ווי אַ זעאונג קלאָר:
די חַבֵרטאָרנס קעמען זיין כַּלה די האָר.

ער זיצט אַף זיין חַתונה ביי דער גילדערנער יויך,
יאָסל קלעזמער שפּילט, אַז סע גייט אַ רויך.

יאָסל קלעזמער שפּילט, און דער בַּדחן באַזינגט,
די פרייד, זי רוישט אין זיינע אויערן און קלינגט.

אַ בילד נאָך אַ בילד: מיט דער נאָדל און שער,
ער גייט דורך דעם לעבן אָט לייכט און אָט שווער.

דער אַלטער שניידער — אַף די קני דאָס געוואַנט,
ער זיצט פאַרשטאַרט מיט דער נאָדל אין האַנט.

## די אַלטע דינסט

זי איז די ערשטע אויפֿצשטיין באַגינען,
נאָך רוט דער זיסער שלאָף אין גאַנצן הויז;
דער פֿאַסטוך פֿירט דעם הערט אין פֿעלד אַרויס,
מיט פֿרישדצעגאָסענער מילך שמעקן די לאַדינען.

אין בינשטאָק הייבן זשומען אָן די בינען,
מיט שוואַלבן נעמען ווימלען נעסטן אונטערן דאַך,
די הימלען נעמען זיך אין בונטע פֿאַרבן מינען,
און וואָס סע האָט געדרימלט—הייבט אָן ווערן וואַך.

אַז וואויל איז איר, וואָס זי האָט וועמען צו באַדינען—
מיט ליבשאַפֿט איז פֿאַרפֿול דאָס גאַנצע הויז,
העלפֿט יעדן קינד די זאַכן זיינע צו געפֿינען,
און ריכט זיי מוטערלעך אין שול און חדר אויס.
די ברייטע סאָסנעס פֿאַר די פֿענסטער גרינען
און נייגן זיך צום הויז ווי צו אַ מוטערס שויס.

# ביים פידל־לערער

די פענסטער ביי דעם פידל־לערער בליען
דאָס גאַנצע ליבע יאָר מיט אַלערליי וואַזאָנעס,
ביים טויער הענגט דאָס אָפּבילד, דער מאַדאָנעס.
און פון דעם טויבנשלאַג די ליבע טויבן פליען.

און פון דעם שטאָט־טורעם אַף דער קאָמונע פאַלן
די שפּעטע אָוונט־שאָען זומערצייט און ווינטער;
סע לאָקערט אַן אומהיימלעכקייט פון צווינטער,
און ס'גייט אַ האַרבער רֵיחַ אויף פון די קאַנאַלן.

ביים פידל־לערער זינגט פון פרי ביז שפּעט דער פידל,
ביים האַרצן צופּט דער טרויער און די פרייד;
ס'שניידט אַף דעם צווינטער גאַנצע טעג דער רידל,
און ביימער שטייען אָוונטיק פאַרשנייט.
דאָס מיידל קעגן פענסטער שטריקט און נייט
און הערט אין יעדנס טריט ווי איר באַשערטער גייט.

## נאָך אַ פולן זומערטאָג

אין הויף די יונגען שפּילן אַף גיטאַרן,—
ס'האָט יעדערער פאַרענדיקט זײַן טאָגטעגלעך ווערק.
צו מזרח לײגן זיך די שאָטנס פון די בערג,
דער לאָמפּנצינדער צינדט אָן די פּאָנאַרן.

די מײדן נעמען נאָך צונויף די וועש אין הויף,—
דער לאָמפּנצינדער צינדט אָן די פּאָנאַרן.
די שטאָט־וועגן רוישן מיט בוידן און מיט גאַרן,
די קינדער קומען זשעדנע זיך אין הויז צונויף.

און דורך די ברײטע, זינגעוודיקע יאַרן
פּאָרן גויעם אין געאײל פאַרשפּעטיקטע פון מאַרק;
אין בלויען נעפּל טיף ווערט נישט אַ באַרג נאָך באַרג.—
אין הויף די יונגען שפּילן אַף גיטאַרן,
די מײדן שאַרן זיך פאַרליבט און באַנג,
און ס'פּילט דעם אָוונט אָן גיטאַרן און געזאַנג.

# אַרום טאַרטאַרק

די זון הענגט אַף דעם גאָלדראַנד פון די וואָלקן,
דער ווינט ליגט טיף אין שילף און צווישן קאָרן.
פון טאַרטאַרק זענען זיך די פויערים צעפאָרן,
די דינסט האָט די בהמות שוין געמאָלקן.

אַף שוועלן רוען פאַרהאָרעוועטע פאָרפאָלקן,
אַ ייִנגל קלעטערט צו די נעסטן אונטערן דאַך;
די טויבן אַפּן בוידעם האַלטן וואַך,
און אַף דער שטראָז מאַרשירן צו דעם לאַגער פאָלקן.

פון פעלד הייבט מיטאַמאָל זיך אוף אַ שאַרע שוואַלבן
און פאַלט, פאַלט אין אַ שיפן קרייז, אַ האַלבן,
צוריק אין פעלד אַרונטער ווי אונטערגעשאָסן.
דער טייך ליגט ווי אַ שפּיגל אויסגעגאָסן,
סע טוקן שטילע פיש אוף, און סע קרייזן רינגען,
און ס'הייבן אָן פון אומעטום די זשאַבעס זינגען.

# די פרייד פון צייטיקונג

סָוף־זומער קלאָרע, קילבלעכע פאַרנאַכטן,—
קאָלנידרע באַרלעך פאַלן אין דעם סאָד;
בײַם קאָװאַל אַף דעם דאַך שטײַט שטיל דאָס ראָד,
דער װינט רוט אין די הײַלן, אין די שאַכטן.

מיט סטויגן הײַ און תּבֿואה — מײַלדװײַטע פאַכטן,—
סע ענדיקט זיך דאָס יאָר מיט שֶפע און מיט זעט.
אין אַלע הויפן שמעקט מיט דעם צונויפגעבראַכטן
האָב־און־גוטס, װאָס ליגט גרײַט צו פירן אין די שטעט.

דער פויער האַלט אין אויסגראָבן די קאַרטאָפל,
צונויפנעמען די קירביסן איז קײנמאָל נישט שפעט.
בײַם װאַסער פראַלען מײַדלעך לײַן און גרעט,—
דאָס האַרץ איז פול מיט פרײַד און האָפן.
די שאַרפע בלאָען שטײַען װײַט און אָפן,
און ס'גײַט דער טײַך אַ רואיקער אין זײַן בעט.

## צוגרייטונג

דער זומער איז אַוועק. דער האַרבסט ליגט פֿאַר די שוועלן.
די בונטע בלעטער רוישן איבער אַלע וועגן,
סע רוישט דער טײַך מיט זיי אַוועק צו ווײַטע ברעגן,
און אַף די הויכע בערג זיך נעמט דער ווינטער שטעלן.

בײַם פֿידל־לערער איז דאָס פֿענסטער שוין פֿאַרשלאָגן. —
ס'איז גאָרנישט ניט פֿאַרבליבן פֿון דעם העלן
געזאַנג פֿון זומער אין די גערטנער, אַף די שוועלן.
דער פֿויער פֿאָרט אין וואַלד אַרײַן מיט פֿערד און וואָגן.

דער פֿויער האַקט געהילץ און האָלץ אין וואַלד,
דאָס קנאַלן קנוילט זיך איבער בערג און טאָלן;
דער טאַרטאַרק הודזשעט און די מילן מאָלן.
די דאָלן און די קראָען דײַטן, אַז ס'ווערט קאַלט.
אין אָוונט, זיצט די מוטער בײַ דעם לאָמפּ און נײט
פֿאַר יעדן קינד אַ וואַרעם ווינטער־קלייד.

# יאָסל קלעזמער ראַטעוועט די שטאָט פון אַ שרפה

אַמאָל האָט אין קאָלאָמײַ ביינאַכט
אויסגעבראָכן אַ שׂרֵפֶה, נישט דאָ געדאַכט,–
אָ צײַטן פון וואונדער!
די שטאָט איז שיר אַוועק מיטן רויך,–
און ווער ווייסט וואָס סע וואָלט חָלילה געשען,
ווען יאָסל קלעזמער וואָלט דאָרט נישט געווען,–
אָ צײַטן פון וואונדער!

דאָס פײַער איז געגאַנגען פון ראָג צו ראָג,
אַז ס'איז ליכטיק געוואָרן ווי אינמיטן טאָג,–
אָ צײַטן פון וואונדער!
און אַ יללָה איז געוועןְ דאָרט ביזן הימל הויך.–
ווער ווייסט וואָס סע וואָלט חָלילה געשען,
ווען יאָסל קלעזמער וואָלט דאָרט נישט געווען,–
אָ צײַטן פון וואונדער!

אַז יאָסל קלעזמער האָט די שׂרֵפֶה דערזען,
האָט אים געגעבן אין האַרץ מיטאַמאָל אַ ברען,–
אָ צײַטן פון וואונדער!
ס'האָט יאָסל גענומען זײַן פידל פון וואַנט,–
און ווער ווייסט וואָס סע וואָלט חָלילה געשען,

ווען יאָסל קלעזמער וואָלט דאָרט נישט געווען,—
אָ צייטן פון וואונדער!

די פייערלייט יאָגן און קלינגען אין גלאָק,
און די שׂרֵפָה גייט פון ראָג צו ראָג,—
אָ צייטן פון וואונדער!
די פייערלייט לעשן און לעשן נאָכאַנאַנד.—
נאָר ווער ווייסט וואָס סע וואָלט חָלילה געשען,
ווען יאָסל קלעזמער וואָלט דאָרט נישט געווען,—
אָ צייטן פון וואונדער!

ס'איז יאָסל געשטאַנען אינמיטן מאַרק,
האָט געשפּילט אַף זיין פידל אַזוי הייס, אַזוי שטאַרק—
אָ צייטן פון וואונדער!
דאָס פייער איז גלייך פון די דעכער אַראָפּ.—
ווער ווייסט וואָס סע וואָלט חָלילה געשען,
ווען יאָסל קלעזמער וואָלט דאָרט נישט געווען,—
אָ צייטן פון וואונדער!

דאָס פייער האָט—פון דער מוזיק פאַרפירט—
צו יאָסלען אין מאַרק אַוועקגעשפּאַצירט,—
אָ צייטן פון וואונדער!
און האָט אָנגעהויבן טאַנצן אַ ראָד רונדאַרום.—
ווער ווייסט וואָס סע וואָלט חָלילה געשען,
ווען יאָסל קלעזמער וואָלט דאָרט נישט געווען,—
אָ צייטן פון וואונדער!

יאָסל קלעזמער שפּילט אינמיטן דער שטאָט,
און דאָס פּייער טאַנצט אַרום יאָסלען אַ ראָד, –
אָ צייטן פון וואונדער!
דאָס פּייער טאַנצט און זינקט איַין אין דער ערד. –
ווער ווייסט וואָס סע וואָלט חָלילה געשען,
ווען יאָסל קלעזמער וואָלט דאָרט נישט געווען, –
אָ צייטן פון וואונדער!

און ווי נאָר דאָס פּייער איז אין דר'ערד אַריין,
איז יאָסל אַוועק אין אַ שענקל פון וויין, –
אָ צייטן פון וואונדער!
און ערשט דאָרטן האָט יאָסל געשפּילט און געשפּילט. –
ווער ווייסט וואָס ס'וואָלט דעמאָלט מיטן שענקל געשען,
ווען יאָסל קלעזמער וואָלט דאָרט נישט געווען, –
אָ צייטן פון וואונדער!

ס'האָט יאָסל געשפּילט און געטרונקען אָן אַ סוף,
און חֶברה – מיט אים, מ'האָט פאַרגעסן אָן שלאָף, –
אָ צייטן פון וואונדער!
און אויב מ'האָט נישט אופגעהערט – הוליעט מען נאָך איצט. –
אַזוי, אַזוי איז אַמאָל דאָס געשען, –
בעֵת אין קאָלאָמיֵ איז די שׂרֵפֶה געווען, –
אָ צייטן פון וואונדער!

# לידער פון האַרבסט

דער קאָוואַל קאָוועט פערד און וואָגן
און ציט אוֹיף אַ רײַף נאָך אַ רײַף.
פון אַלץ האָט דער פויער צונויפגעטראָגן,
אים פעלט אַף ווינטער נאָר זאַלץ און זײַף.

ער האָט קאַרטאָפל, ברויט און האַרבוזעס,
אים פעלט אַף ווינטער נאָך זאַלץ און זײַף;
אַרום די סטריכעס—קוקורוזעס,
און מיט האָלץ און הינער איז פול דאָס הויף.

ער פאָרט אין שטאָט אַף דעם יעריד,
פירט הינער און האָלץ צום פאַרקויף,
און ברענגט אַפן גאַנצן ווינטער מיט
צוויי טאָלטן זאַלץ און נאַפט און זײַף.

## אַז וואויל איז דעם

עך, האַרבסטיק פוילע וועטערן און רעגנס–
די ליפּעס בײַגן זײַערע ברײַטע קעפּ,
די טרויער ווערבעס – די צעלאָזטע צעפּ, –
און הֶפקר ווערן אַף די פעלדער די פּאַרמעגנס.

די שטיבער שטײַען שָפּל און געפאַלן.
סע גייען פויל די פערד מיט הענגעוודיקע קעפּ;
דער גײַער טאָפּטשעט אין דער בלאָטע, ווי אַף טרעפּ,
מיט וואַרעמקייט פון מיסט און בהֵמות דאַמפן שטאַלן.

אַז וואויל איז דעם, וואָס דאַרף נישט זיין איצט אונטערוועגנס,
וואָס האָט אַ הײַם און האָלץ, – אים שרעקן נישט קיין קעלטן;
סע וואוינט די ליבע אין דידאָזיקע געצעלטן.
סע גליען גלעזער גילדענע טיי אין די דאָלאָניעס,
און ס'ציען זיך די אָוונטן ווי זאַבעבאָנעס,
און פאַר דער טיר און פענסטער זינגען ווינט און רעגנס.

# אַ נײַ לעבן

דאָס שרײַען פון די ווילדע גענדז אין אָוונט,
די שאַרפע, שטילע לופט פון פרײַען פעלד,
דעם פויערס לײמען דאַך פון שטאַל און צעלט—
דאָס אַלץ זאָגט אָן, דאָס ווינטער־רייך איז נאָענט.

דאָס רוישן פון דער מיל, וואָס איז געשטאַנען
דעם זומער לאַנג, דאָס קעמען פלאַקס און וועבן,
דאָס גרייטן זיך אַף שפעטער—ס'איז גאָר אַן אַנדער לעבן:
מע זאַמלט טיכטיק אַף דעם פאָלוואַריק און לאַנען,

און באַלעגאָלעס קומען נאָך געהילץ און האָלץ,
די גויעם פירן קלעצער צום טאַרטאַריק,
און אַנדערע—צו ביסלעך תבואָה אַפן מאַריק...
די טענען אַף דעם באַרג, זיי שטייען שטיל און שטאָלץ
און וואַרטן אַף דעם ווייסן ווינטער־רייך,—
אַ שאָטן גרין און טיף באַהאַלט דער טייך.

# ערב ווינטער

אָקטאָבער אָוונטן. איבער די לאַנען
פליען די ווילדע גענז מיט געשריי,
די ווינטן שמעקן מיט געוויטער און שניי,
און ס׳פרירן בייַנאַכט די וואַסער־קאַנען.

די טאַנען ביים טויער — מיט פראָסט אין באַגינען;
די יונגען פאַרשמירן די לעכער פון שטאַל,
גראָבן דורך אַפּסניי דורכן הויף דעם קאַנאַל,
און פאַרמאַכן די בינשטאָקן פול בינען.

די האָלצהעקער האַקן האָלץ אין דער קאַמער,
דער שלאָסער באַשלאָגט טיר און טויער פון הויז;
און גאַנצע טעג קלינגען ווייַט אַרויס
די זעג און דער רידל, די האַק און דער האַמער.

בייטאָג איז נאָך וואַרעם. די קינדער גייען
נאָך שיקערניס אין וואַלד אַרייַן;

די מייַדן פראַלעןביים וואַסער דעם לײַן,
און גאַנצע טעג טוט שוין ס'מילראָד זיך דרייען.

אַף די פּלויטן טריקענען זיך די לאַדינען,
מע לופטערט די ווינטער־מַלבושים אויס:
מע פאַרריכט יעדעס שפּעלטל פון קאַמער און הויז,
עס זאָל אין ערגעץ חָלילה נישט רינען.

אין הויף צווישן די עופֿות באַווייַזן זיך קראָען,
די בהֵמות רייַסן זיך צו די סטויגן היי;
פאַרנאַכט־צו פאַרגייען די בערג אין גראָען,
און דאָס באַרג־וואַסער שרייַט אַף געוויטער און שניי.

# אין די בערג

איבער בערג און איבער טאָלן
פֿליען ראָבן, קראָען, דאָלן.

קראַקען, קרייזן אין אַ קרײַז,
זוכן פֿאַר די שטיבער שפּײַז.

פֿון די שטיבער ווײַסע רויכן
שטײַגן צו די בלויע הויכן.

שנײַען שימערן, שויבן שטראַלן,
און מיט וואַרעם דאַמפּן שטאַלן.

אַף די צווײַגן וואַקסט דער פֿראָסט,
און דער ווינטערווינט — ער בלאָזט.

אַף די בערג און אין דעם וואַלד —
וואָס מיר פֿראָסט און וואָס מיר קאַלט! —

האַקן העקער, שניידן, זעגן,
אַז סע הילכט אַף אַלע וועגן.

העקער האַקן — ביימער פאַלן,
קנאַלן קנוילן זיך און שאַלן.

גויעם שלעפּן צו די זעגן
קלעצער איבער שטעגן, וועגן.

יידן האָרעווען ווי רוחות,
לאָדן בוידן גאַנצע שוכעס.

קליינוואַרג ליגט אין שטוב ביים פייער,
ס׳איז די וואַרעם ליב און טייער.

## מאַרקטאָג

באַגינען שוין האָט יעדערער געפּילט זיין קומען.
און ווי נאָר ס'האָבן זיך צעעפנט טויערן און טירן,
האָט אַף די שוועלן זיך געגומען ס'לעבן רירן,
און ס'האָט אַן אימפּעט אַלעמען אַרומגענומען.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט מיט רויש און טומל.
סע ציען זיך איבער די בערג און דורך די יאַרן
די ווייסע וועגן מיט ווענענער און גאַרן,—
דער מאַרקטאָג שטעלט זיך מיט זיין גאַנצן רומל.

און אַף די טרעפּ פון קלויסטער, און אַף דעם ברוק אין מאַרק—
די בעטלער מיט די אָפּגעדעקטע וואונדיקע גלידער.
די שפּילקאַסטנס מיט פּאָפּוגייען און מיט לידער,
די שענקען שמעקן מיט בראָנפן און מיט עסנוואַרג.
דערוואַרטונג הויערט פּאַר געשטעל און שוועל
און פּילט מיט האָפענונג אָן אַיעדע זעל.

## דאָס ליד פון יאָסל קלעזמער

קום, יאָסל, נעם דעם פידל,
ס'וועט אַלצדינג זיין שוין רעכט.
צו גאָט געהערט דער הימל,
די ערד – צו זיינע קנעכט.

דאָס ליד, דאָס ליד איז אונזערס
אין שווערע טעג און נעכט:
דו שפּיל און איך וועל זינגען,
איך בין דעם ליד פאַרקנעכט.

קום, יאָסל, נעם דעם פידל,–
די וועלט איז אונזער הויז,–
לאָז איבער ווייב און קינדער,
און קום מיט מיר אַרויס.

מיר וועלן גיין צוזאַמען–
אין צווייען איז לייכטער דער טראָט,–

באַגינען שטעלט יעריד זיך
אין קאָלאָמיי, דער שטאָט.

סע ציען זיך די װעגן
מיט סוחרים פון דער װײַט,
ס'קומען אָנגעלאָדענע בוידן
מיט סאַמעט און מיט זייד.

מיט קאַשמיר און מיט פוטער,
מיט שטאָפן אַלערליי.
נישט יעדן טאָג, אַז ס'טרעפט זיך
יעריד אין קאָלאָמיי.

קום, לאָמיר גיין צוזאַמען,
ס'אַ פרייד עס איז אין שטאָט:
אין שענק „צום גילדענעם שפּאַרבער"
זינגען די זיסע זינגער פון בראָד.

און חברה קאָמעדיאַנטן —
פון סאַמע פיינסטן שטאַנד,
זיי קומען מיט זייערע קונצן
פון אַלע עקן לאַנד.

דאָ צווישן אַלע ייִדן,
פֿון אַלעמען באַקאַנט,
כאָטש איינמאָל נאָך אַ לעב טון
און טון וואָס דעם האַרץ איז נאָנט.

פֿאַרגעסן צער און צָרות,
פֿון דערוואַקסנקייט די פּיין;
דו שפּיל, און איך וועל זינגען,
צוריק ווי ייִנגלעך זיין.

## דער דראָטעניק

מיט דראָט — אַ רעדל, און מיט אָל און צוואַנגען
איז ער איבער דער שטאָט אַרומגעגאַנגען,
געגאַנגען, ווי ער וואָלט אין שליחות גיין,
און אויסזינגען אַ פּזמון, ווי פֿאַר זיך אַליין.

האָט אָנגעשפּאַרט אין אָרימסטן געצעלט און קעלער,
געדראָטעוועט געשיר: צעבראָכענע טעפּ און טעלער,
און האָט בעת־מַעשׂה צוגעזונגען און גערעדט,
דערציילט די קינדער מַעשׂהלעך פֿון זיינע ווייטע שטעט.

געמאַכט פֿאַר זיי פֿון דראָט קאַנאַריקלעך און טויבן,
פֿאַיאַצעלעך, וואָס טאַנצן, מיט גלעקלדיקע הויבן,
אַזוי האָט ער געטון דערפֿרייען זיי
מיט מַעשׂהלעך און קונצן אַלערליי.

און יאָרן זענען זיך געגאַן נאָך יאָרן,
די קינדער — גרויס געוואָרן, און האָבן אַנדערע געבאָרן;

מיט דראָט, מיט אָל און צוואַנגען אין די הענט
גייט אום דער דראָטעניק פון קיינעם נישט דערקענט.

געגאַנגען זענען יאָרן זיך נאָך יאָרן.
און ערשט, ווען ער איז ערגעץ נישט געוואָרן,
ערשט דעמאָלט האָט די שטאָט אָן אים געדענקט
און וויפל פרייד ער האָט די קינדערלעך געברענגט.

# דער וואונדערוועג

דער אַלטער משולח — דורך וואַלד און דורך נאַכט —
ער טאַפּט אין דער פינסטער דעם וועג און טראַכט:

דאָס גאַנצע לעבן, אַז ער גייט אַף דעם וועג,
און איצטער, ער ווייסט נישט, איז דאָס האַרץ ווײַנס אין שרעק.

ער קען יעדן שטיין, יעדן פּיען אין דעם וואַלד,
ער ווייסט וויפל יעטוועדער בוים דאָ איז אַלט.

די בערג און די טייכן, יעדן שטעג, יעדן טאָל,
די פעלזן, די שפּאַלטן, זייער ווידערקול.

ער טאַפּט דעם וועג אין דער פינסטער און טראַכט: —
ער גייט און גייט — שוין אַוואַדע האַלבנאַכט.

ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין אויסן וואַלד,
און דאָ — גאָר קיין סוף! — סע ווערט אים אַוש קאַלט.

צום דריטן מאָל שוין הײַנט נאַכט אַף דעם וועג,
צום דריטן מאָל! — סע באַפאַלט אים אַ שרעק.

און ס'נעמט אים דורך ביזן ביין די קעלט –
ער טראָגט מיט זיך פרעמדע פּאַפּירן און געלט.

ער גייט צום פּריץ אַלעמאָל דעם גאַנג.
די שליחות האָט קהל פאַרטרויט אים שוין לאַנג.

נאָר וואָס איז היינט וואָס שוין צום וויפלטן מאָל,
אַז ער גייט אַרום זעלבן באַרג און טאָל?

ער גייט און גייט, אַז ערשט – סע גרויט,
און דורך די צווייגן – די מאָרגנרויט.

און דער וואַלד כאַפּט זיך אויף מיט פויגל־געזאַנג,
און נאָנט ווערט דער וועג, און לייכט ווערט דער גאַנג.

און אַז ער איז באַגינען פון וואַלד אַרויס,
אַז ערשט – ער איז קריק אין שטאָט פאַר זיין הויז.

און דאָ האָט ער די נייעס געהערט: –
(ער פאַרשטייט אַז צום גוטן איז געווען אַלץ באַשערט.)

דער רויבער דאָבוש האָט אין הויף ביינאַכט
דעם האַר מיט די דינער אומגעבראַכט.

## דאָס ליד פון די פריילעכע שניידער־געזעלן

נאָך אַ פאָלקסליד

ניין שניידער־געזעלן האָבן איין שיינע נאַכט
געמאַכט זיך אינאיינעם אַ סעודה — אַ פּראַכט.
און ס'האָבן געגעסן די יונגען, די ניין,
פאַר ניינמאָל ניינציק און ניין —
אַ געטריקנטע פייג.

און ווי נאָר זיי האָבן זיך אָנגעגעסן גוט,
און זענען געוואָרן פריילעך אין מוט,
האָבן אָנגעהויבן טרינקען די יונגען, די ניין,
פאַר ניינמאָל ניינציק און ניין —
פון אַ פינגערהוט.

און ווי נאָר זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען פיין,
און ס'איז זיי דער ווײַן אין די געבליטן אַריין,
האָבן אָנגעהויבן טאַנצן די יונגען, די ניין,
פאַר ניינמאָל ניינציק און ניין —
אַף אַ נאָדלשפּיץ.

און אַז זיי האָבן זיך אָנגעטאַנצט גוט,
און ס'האָט זיך באַרוט דאָס צעיוכעטע בלוט,
זענען שלעפעריק געוואָרן די יונגען, די ניַין;
זיי זענען געשלאָפן פאַרמאַטערט אַזוי
פאַר ניינמאָל ניַינציק און ניַין—
אַלע ניַין אַף אַ שטרוי.

זיי זענען אַ וויַיל אָפּגעשלאָפן בלויז,
אַז ערשט— זיי דערהערן, סע גריזשעט אַ מויז;
זענען אופגעשפּרונגען די יונגען, די ניַין,
און האָבן געמאַכט אַ געפילדער אין הויז
פאַר ניַינמאָל ניַינציק און ניַין—
און זענען דורכן שליסל־לאָך אַרויס.

# דאָס ליד פון די דריי שניידער־געזעלן און דעם שענקער

דרײַ שנײַדער־געזעלן – ווי וואויל און ווי שײַן –
זיי זענען אַמאָל זיך געקומען צו גײַן
אין אַ שטעטל אַרײַן
אַף אַ גלעזעלע ווײַן.

און ווי נאָר זיי האָבן אַ שענקל דערזען –
גלײַך זענען די דרײַ אין דעם שענקל געווען
אַף אַ גלעזעלע ווײַן.

ס'האָט קײנער פון זיי נישט קיין גראָשן געהאַט,
דאָך האָט זיי געדאַרשט אָנצוטרינקען זיך זאַט
מיט אַ גלעזעלע ווײַן.

הײ, שענקער, ס'האָט קײנער פון אונז נישט קיין געלט,
דאָך זענען מיר אויסגעוועזן אַ וועלט
נאָך אַ גלעזעלע ווײַן.

און יעדער פון אונז קען אַ מײַסטערלעך שטיק.
מיר לערנען ס'אײַך אויס, סע וועט ברענגען אײַך גליק, —
פֿאַר אַ גלעזעלע ווײַן.

עך, ליבע געזעלן, זײַט וויסן דערפֿאַר —
איר וועט נישט דעם שענקער דאָ מאַכן צום נאַר
פֿאַר אַ גלעזעלע ווײַן —

וועט איר מיר נישט ווײַזן קיין מײַסטערלעך שטיק,
צעברעך איך אַ־יעדן פֿון אײַך דאָס גניק
מיט אַ גלעזעלע ווײַן...

האָט דער ערשטער געכאַפּט אַ שטראַל פֿון דער זון
און געמאַכט אַ נאָדל און פֿאָדים דערפֿון —
פֿאַר אַ גלעזעלע ווײַן.

האָט אַ גלאָז, אַ צעבראָכנס, צוזאַמען־גענײַט,
מע האָט נישט אַפֿילו די שטעך דערקענט
אין דעם גלעזעלע ווײַן.

דער צווייטער, אַז ער האָט דערזען אָט אָ דאָס,
האָט געכאַפּט אַ פֿליג אַף דעם ראַנד פֿון אַ גלאָז
מיט זיסינקן ווײַן —

די פליג האָט אין שיכל אַ לעכל געהאַט,
האָט ער עס פאַרנייט אַזוי פײַן, אַזוי גלאַט
פאַר אַ גלעזעלע ווײַן.

דער דריטער האָט גענומען די נאָדל אין האַנט,
האָט דורכגעלעכערט אַ לאָך אין דער וואַנט
אין שענקל ביים ווײַן;

און גרויס ווי ער איז – אין שענקל פון ווײַן –
איז ער דורך דעם לעכל אַרויס און אַרײַן
פאַר אַ גלעזעלע ווײַן...

דער שענקער קוקט וואָס דאָ איז געשען,
אַזוינס האָט ער נאָך נישט אין לעבן געזען
ווי דאָ ביי דעם ווײַן.

ער, ליבע געזעלן, הערט אויס איצט מײַן וואָרט:
איך וועל אײַך באַלוינען דאָ גלײַך אַפּן אָרט
מיט ווײַן, מיט ווײַן.

ס'איז יעדער פון אײַך דאָך אַ וואונדער־פאַרשוין,
איצט זעט וואָס איר קריגט דאָ דערפאַר פאַר אַ לוין –
אָ ווײַן, וויפל ווײַן!

און דעם פינגערהוט נעמט ער ביי יעדן פון האַנט,
און פּילט זיי אָן מיט ווײַן ביזן ראַנד—
דרײַ פינגערהוט ווײַן.

עך, טרינקט, איר ליבע גערזעלן מײַן,
גיסט, וויפל סע גייט אין אײַך נאָר אַרײַן
פון דעמדאָזיקן ווײַן.

# יאָסל קלעזמער ראַטעוועט מיט זיין שפּילן דעם אַרענדאַר

אין הויף ביי דעם האַר איז אַ קאַרניוואַל,
סע פינקלט מיט פאַרבן און ליכט דער זאַל;

און מיט שווערדן און שפּאָרן און שלייפן און קנעפּ,
מיט זיידנס און סאַמעט רוישן די שלעפּ.

מיטאַמאָל ווערט שטיל. סע לאָזט וויסן דער האַר,
אַז ער האָט געשיקט נאָך דעם אַרענדאַר,

און די פריד וועט ערשט ווערן פאַרפול און גאַנץ,
ווען דער ייִד וועט טאַנצן דעם בערנטאַנץ...

געקומען די דינער נאָך דעם ייִדן צו גיין,
איז אין שטיבל געוואָרן אַ ביטער געוויין.

און אַז מ'האָט געפירט דעם ייִדן אין הויף,
איז אין שטעטל געוואָרן אַ געוואַלט, אַ געלויף...

דערהערט יאָסל קלעזמער, מע נעמט דעם רענדאַר,
ער זאָל טאַנצן אַ בער אין הויף ביי דעם האַר,

נעמט יאָסל זיין פידל און הייבט זיך אויף
און גייט אויך אַוועק צו דעם האַר אין הויף:

„אָ, האַרעלע מיינער, אָ, האַרעלע פּראַכט,
איך האָב אַסך ויסינקע לידער געמאַכט.

„איך האָב אַסך ויסינקע לידער געמאַכט,
איך וועל זיי דיר, האַרעלע, שפּילן היינט נאַכט.“

אָהאָ, סאַראַ פרייד, סאַראַ פרייד מיטאַמאָל,
געלעכטער, געשריי און געשפּעט אפן קול:

אַ יידל וועט טאַנצן דעם טאַנץ פון אַ בער,
אַ יידל וועט פידלען אַהין און אַהער...

מע עפנט דעם טויער, מע לאָזט אים אַריין,—
ס'ע שימערט מיט שיין און ס'ע רוישט ווי דער וויין.

און יאָסל נעמט שפּילן אַ שפּיל נאָך אַ שפּיל,—
ס'ע פינקלט דער וויין און ס'ע פינקלט דער דיל.

אַ שפּיל נאָך אַ שפּיל און אַ ליד נאָך אַ ליד,–
סע רײַסט אַזש צום טאַנצן אַלעמען מיט.

סע טאַנצט רונדאַרום מיט דער האַרין דער האַר,
סע טאַנצט אין אַ מיצל מיט גלעקלעך דער נאַר;

סע טאַנצן די האַרן, מע טאַנצט און מע לאַכט,
אַ שָעה נאָך אַ שָעה און–שוין האַלבע נאַכט.

אין אַ בערנפעל ליגט דער אַרענדאַר,
ער וואַרט אין אַ ווינקל מיט שרעק און צַער.

אַ שָעה נאָך אַ שָעה–די נאַכט ציט זיך און ציט,
און יאָסל שפּילט אַ ליד נאָך אַ ליד.

פאַרגעסן דעם ייִדן אין דער פעל פון דעם בער,–
די האַרן טאַנצן ווי אַ כוואַליע הינדהער.

מע טאַנצט און מע טאַנצט, ביז מע פאַלט פון די פיס,
און אײנער לעם צווײטן שלאָפט אײַן אַזוי זיס...

אַז יאָסל איז פון הויף מיט דעם רענדאַר אַרויס–
איז די זון שוין געווען ביי יעדן אין הויז.

## רב משהלע קיטעווערס פּערל

אַן אַלקער דַלֶת־אַף־דַלֶת,
אין דרויסן טיפע נאַכט;
די פינסטערניש ווי סאַמעט
פאַר טיר און פענסטער וואַכט.

אין אַלקער איבער ספָרים —
אין ווינקל שלאָפט דאָס ווייב —
זיצט אָנגעלענט אַפן אָרעם
רֶב משֶהלע קיטעווער איבער ספָרים,
פאַרטון מיט לעבן און לייב.

ער לערנט יָום־ולַילָה —
נישטאָ קיין פרי, קיין שפעט, —
דערהויבן ווי אַ מַעלָה,
הַכנָעֶהדיק ווי אַ געבעט.

זיין פָנים — לויטער שטערן
מיט ווייטן אויסגעשפרייט,
און אַלע אֵברים הערן
פון תּורה דעם באַשייד.

ס'ווײַב האָרעוועט און האַנדלט,
ברענגט דאָס שטיקל ברויט אין הויז;
רֶב מֹשֶהלע, אין תּורה באַוואַנדלט,
גייט ווײַטע וועלטן אויס.

נעמען אַלעס אויף באַהֲבה,
יעדע גאָב דערפרײַט די זעל;
ס'האָט קיינמאָל נישט די תּאווה
קיין שליטה אַף זײַער שוועל.

אַזוי טאָג נאָך טאָג כְּסֵדֶר —
און קומט די שפּעטע נאַכט —
דאָס ווײַב שלאָפט אין ווינקל־חֵדר,
איבער ספָרים רֶב מֹשֶהלע וואַכט.

זי הערט אין שלאָף זײַן לערנען,
סע קוועלט אין איר זיסקייט דערפון:
אָ, גאָט, זאָל דאָס מַזל איר שטערנען,
אַזאַ זאָל זײַן איר זון.

זי ווערט נישט מיד פון הערן, —
די זיסקייט גלעט און נאָגט.
פאַרן פענסטער דער מאָרגנשטערן —
סע גרויט שוין באַלד אַף טאָג.

זי הײבט זיך אויף און קוקט און הערט, —
זי נעמט זיך באַלד צונויף,
און טוט ביי אים זיך בעטן:
מע שטײט דאָך באַלד שוין אויף.

ער שווײַגט, נאָר די אויגן בעטן:
די נאַכט, זי איז נאָך גרויס...
און שווײַגעוודיקע רעדט'ן, —
דאָס קאַניצל גײט אויס.

נאָר איינמאָל האָט געטראָפן —
שוין שפּעט נאָך האַלבע נאַכט —
דאָס ווײַב איז שוין געשלאָפן,
רֶב משֶהלע האָט געוואַכט.

זיין פּנים — לויטער שטערן
מיט ווײַטן אויסגעשפּרייט,
און אַלע אֵברים הערן
פון תּורה דעם באַשײד.

ערשט אויבן דורך דער סטעליע,
איבער זיין ליכטיקן קאָפּ,
לאָזט זיך אַ שנור מיט פּערל
גלײַך אַף זיין סֶפֶר אַראָפּ.

רֶב משֶׁהלע וויקלט און וויקלט
דעם פּערל־שנור אַף די הענט:
סע פּערלען זיך די פּערל,
דער שנור האָט נישט קיין ענד.

אַ קנויל, אַ קנויל, און נאָך אַ קנויל! –
ערשט ס'כאַפּט דאָס ווײַב זיך אויף,
און נעמט ביי אים זיך בעטן:
מע שטײַט דאָך באַלד שוין אויף.

סע רייסט דער שנור זיך איבער, –
ווי שטיל עס איז אין הויז.
רֶב משֶׁהלע מאַכט צו דאָס סֵפֶר,
דאָס קאַניצל גײַט אויס.

מיטן מאָרגן אין פענסטער, אַף דעכער, –
דאָס לעבן ראָלט ווי אַ ראָד –
איז דאָס שטיבל געשטאַנען העכער
פון אַלע שטיבער אין שטאָט.

## דאָס ליד פון דאָבוש

דאָס זענען געווען שווערע טעג
אין דאָבושעס רויבעריש לעבן;
ער רייט אַרום פון וועג צו וועג –
די ווינטן, די וואָלקנס שוועבן.

דער האַר – אַוועק, די האַרנטע – אַוועק,
דאָס הויף מיט די „מענטשן" – פאַרשוואונדען;
פאַרבליבן זענען פון יענע טעג
דאָבושן אַלטע וואונדן.

די דערפער אַרום זענען חרב און וויסט,
די שטיבער און שטאַלן – פאַרלאָזן,
פאַרבלאָנקעטע קעץ זיך ראָיען אין מיסט,
דער וועג איז פאַרוואַקסן מיט גראָזן.

די חורבות סטאַרטשען מיט קוימנס אַרויס,
די קעלערן שטיקן און שימלען,

און יעדער לאָך פון שייער און הויז
מיט אַלערליי ווידמונגען ווימלען.

די שפּײַכלערס זענען ליידיק און פּוסט,
הונגעריקע לויפן אום ראַטן;
דעם האַרס אַ באַדינער גייט און קלאַפּט זיך אין ברוסט,
דערמאָנט פון אַ לעבן אַ זאַטן.

ער קלאַפּט זיך אין ברוסט, ער פּלאַפּלט און שווערט:
אַמאָל איז ברויט דאָ געוואַקסן,
און איצטער בליט מיט ווילדגראָז די ערד,
פאַרזשאַווערט — פון מילראָד די אַקסן.

ער רעדט פון דאָבושן און ער רעדט פון דעם האַר,
די יאָרן — אַוועק און פאַרפלויגן...
מיטאַמאָל ברעכט ער אויס אַ געוויין פון צַער:
וויי, וואָס מוזן זען מיינע אויגן!

דאָבוש רייט אַליין פון דעם באַרג צו דעם טאָל,
פון טאָל — צוריק צו די היילן,
און רייטנדיק הײבט ער אויף זיין קול —
נעמט די פאַרבליבענע ביימער ציילן.

ער ציילט און ציילט, ער רעכנט און ציילט,—
ווי ווינציק דאָ איז פאַרבליבן!
ציילט איינמאָל און ווידער די צאָל און ער ציילט,—
פאַראַן קוים נאָך זיבן מאָל זיבן.

פון וואַלד צו דעם דאָרף, און פון דאָרף צו דעם טאָל,
פון טאָל צוריק צו די היילן.
און ווידעראַמאָל הייבט דאָבוש אויף זיין קול
און זינגט ווי דער ווינט פאַר די היילן.

ער זינגט ווי דער וואַלד, ווי דער ווינט אין וואַלד,
ער זינגט ווי די טייכן און קוואַלן,
ער זינגט ווי די צייטן פון יאָר אין וואַלד,
ווי די בערג מיט די וואַסערפאַלן.

אַמאָל האָבן בערג דאָ מיט פייערן געברענט
מיט האַק און מיט סערפ -- געזונגען;
דאָס לעבן האָט אַלץ פאַרמעקט און פאַרלענדט.
די האַק און דער סערפ איז פאַרקלונגען.

סע האָבן מיט לידער געזונגען די נעכט,
ס'האָט פרייד ווי דער טייך זיך צעגאָסן;

דאָבוש און דער בעש״ט - גועהערשט האָט דאָ רעכט—
זייער ליכט האָט אַף אַלץ זיך צעגאָסן.

דאָבוש רייט אַרום איצט אַליין איבער דר ערד
די שווערע וואָלקנס שוועבן;
ער זינגט פון הויף, פון דער האַרנטע און פערד,
און פון זיין שווערן לעבן.

דאָביש רייט אַרום איצט אַליין איבער דר'ערד,
דער בעש״ט אין אַ הייל זיצט פאַרבאָרגן,
אין יעדן שאָרך פאַרנעמט ער און הערט
די טריט פון אַ נייעם מאָרגן.

אַנדערע „לידער פון דאָבוש״ אין מיינע ביכער „דער ווייסער רייטער״, „לידער״ און אין ערשטן בוך „אידן״.

# פאַרגעס אָן דיין טרויער

פון ר' שלמה אבן־גבירול

פאַרגעס אָן דיין טרויער,
מיין אומרואיק האַרץ,
נישט פאָרכט און באַדויער
דעם ערדישן שמערץ.
באַלד וועט פון דיין קערפּער
דאָס לעבן פאַרגיין,
און אַלץ ווערט צו נישט
ווי ס'וואָלט גאָרנישט געווען.
דו מוזסט אָבער ציטערן
פאַרן טויט, פאַר דעם ביטערן,
מוזסט האָפן און בעטן
צו גאָט און זיין גנאָד,
אֶפשר וועט בעטן
דיך שיצן און רעטן
ווען דו וועסט געגעענען
צום אייביקן לאַנד,
צו קריגן דעם לוין
פאַר די ווערק פון דיין האַנט.

„וואָס ציטערסטו, האַרץ מיינס,
און וואָס טוט דיר באַנג?
וואָס ביסטו אין טרויער
פאַר דער וועלט און איר גאַנג?
פליט אַרויס די נשמה
ווי סע קומט נאָר דער רוף,
פאַרשטומט און פאַרשטיינערט
בלייבט איבער דער גוף.
און ווען דו קערסט אום דיך
צום שטויב פון דער ערד,—
אַך, וואָס נעמסטו מיט
פון דעם ערדישן ווערט?
דעמאָלט טרייבט עס און ציט דיך
ווי אַ פויגל, וואָס פליט גיך
צוריק צו זיין נעסט,
וואָס גיכער צו קומען
צום אייביקן לאַנד,
צו קריגן דעם לוין
פאַר די ווערק פון דיין האַנט.

וואָס העלפט דיר דאָס וויינען
אין לאַנד פון פאַרגיין?
הערשאַפט און קרוינען
וועלן זיין צו געוויין.

דאָס גוטע איז ליגן,
דאָס טייערסטע — באַטרוג;
און אַלץ איז געגליכן
צו אַ פּײַל אינם פלוג.
ס'וועט אַלעס פאַרפליען
און צו אַנדערע אַוועק —
און וואָס איז דיין מיען,
דיין גאַנץ פאַרמעג,
ווען דו וועסט געגעענען
צום אייביקן לאַנד,
צו קריגן דעם לוין
פאַר די ווערק פון דיין האַנט?

דאָס לעבן — אַ ווײַנשטאָק,
אַ מעסער — דער טויט,
און וואו נאָר דו גייסט —
דער טויט דיך באַגלײַט.
ווי קורץ איז דער טאָג,
און ווי ווייט נאָך דער ציל!
די האָפענונג איז ליגן,
און פאַלשקייטן — פיל.
דו לאָז דיך באַניגן
מיט טרוקענעם ברויט;
פאַרגעס אָן דיין קומער

און פֿאָרכט דיך דעם טויט,
ווען דו וועסט גענעענען
צום אייביקן לאַנד,
צו קריגן דעם לוין
פֿאַר די ווערק פֿון דיין האַנט.

ציטער אויף ווי אַ טויב,
דו אָרימער, דו!
זאָרג זיך און גלויב
אין דער הימלישער רו.
רוף צו גאָט און זיין גנאָד
יעדן טאָג, יעדע שָעה,
יעדע ווייל, וואָס ביסט דאָ.
וויין פֿאַר אים שטענדיק
און בעט אין דער שטיל,
און טו אַלעס שטענדיק
אַזוי ווי ער וויל.
סע וועלן מַלאָכים
דיך אופֿוואַרטן דאָרטן,
זיי וועלן דיך פֿירן
צום הימלישן גאָרטן,
זיי וועלן דיך ברענגען
צום אייביקן לאַנד,
צו קריגן דעם לוין
פֿאַר די ווערק פֿון דיין האַנט.

# פֿאַרצייכעניש

# פאַרצייכעניש

## אונזערע געמאַרקן


אונזערע געמאַרקן . . . . . . . . . . 8
אונזער לעבן . . . . . . . . . 10
זומערטעג . . . . . . . . . . 11
ווי אַלע טעג . . . . . . . . . 12
מיין גורל . . . . . . . . . . 14
דער אָפּעררייטער . . . . . . . . . 16
איינער – אַן אַנטווישטער . . . . . . . . 17
איינער – אַ מענטש . . . . . . . . . 18
דער גענאַרטער . . . . . . . . . 19
פאַר אַלע אויגן . . . . . . . . . 20
פרילינג . . . . . . . . . . 21
דערמאָנונג . . . . . . . . . . 22
אין בראָנקס פּאַרק . . . . . . . . . 23
יום־טובדיק . . . . . . . . . . 24
אויסלייטערונג . . . . . . . . . 25
קאָני איילאַנד . . . . . . . . . 26
פאַר דעם שפּיטאָל . . . . . . . . . 27
ערשטער מאַי . . . . . . . . . 28
דאָס ליד פון סאַקאָ און וואַנזעטי . . . . . . . 29
פאַרוואַנדלונג . . . . . . . . . 32
דער דיכטער . . . . . . . . . 34
אַף דער נייער ערד . . . . . . . . . 35
מיט דעם וועג . . . . . . . . . 36
אַ הייסער פרילינג־טאָג . . . . . . . . 37
אין די בערג . . . . . . . . . 38
אַ שווערער זומערטאָג . . . . . . . . . 39

בויבעריק . . . . . . . . . . . . 40
דער רייטער . . . . . . . . . . . 41
האַרבסט אויף אַ פאַרעם . . . . . . . . . 42
זון־אונטערגאַנג . . . . . . . . . . . 43
דער פאַרוואָרלאָזטער . . . . . . . . . 47
די דערוואַקסענע . . . . . . . . . . 48
די פיל־געפריווטע . . . . . . . . . . 49
איינער פון אונז . . . . . . . . . . . 50
אַ דזשענטלמאַן ווי ריטשאַרד קאָרי . . . . . . 53
רונדאַרום אַרום דער וועלט . . . . . . . . 54
פאַרגאַנגענהייט . . . . . . . . . . . 57
דעמערונג . . . . . . . . . . . . 58
דער צוריקגעקומענער . . . . . . . . . 60
אין מיטן וועג . . . . . . . . . . . 62
מיין פאָטער. . . . . . . . . . . . 63
דער בעל־שם־טוב . . . . . . . . . . 64
אין פאָרשטאָט . . . . . . . . . . . 65
אויף דער פולער וואָך . . . . . . . . . 66
דער גאַסט . . . . . . . . . . . . 67
דאָס מיידל פון דעם איינפאָרהויז . . . . . . . 68
נייע צייטן . . . . . . . . . . . 69
אין פאַרקישעפטן קרייז . . . . . . . . . 70
אין שענק . . . . . . . . . . . . 72
די נאַכט פון ניטל . . . . . . . . . . 74
ביים שניידער . . . . . . . . . . . 75
אַ מעשהלע מיט דעם בעל־שם־טוב . . . . . . 76
פורים . . . . . . . . . . . . . 78
אין אַלע פענסטער . . . . . . . . . . 79
אליהו הנביא . . . . . . . . . . . 80
וואויל איז דעם ביימעלע . . . . . . . . 81
דאָס ליד פון פרילינג . . . . . . . . . 82
פאַר דער פאָרשטעלונג . . . . . . . . . 83
הינטער די שטאָט־מויערן. . . . . . . . . 84
זומער אָוונטן . . . . . . . . . . . 85
דער אַלטער שניידער . . . . . . . . . 86
די אַלטע דינסט. . . . . . . . . . . 88

ביים פידל־לערער . . . . . . . . . . 89
נאָך אַ פולן זומערטאָג . . . . . . . . . 90
אַרום טאַרטאַרק. . . . . . . . . . 91
די פרייד פון צייטיקונג . . . . . . . . 92
צוגרייטונג . . . . . . . . . . . 93
יאָסל קלעזמער ראַטעוועט די שטאָט פון אַ שרפה . . 94
לידער פון האַרבסט. . . . . . . . . 97
אַז וואויל איז דעם . . . . . . . . . 98
אַ נײַ לעבן . . . . . . . . . . . 99
ערב ווינטער . . . . . . . . . . 100
אין די בערג . . . . . . . . . . 102
מאַרקטאָג . . . . . . . . . . . 104
דאָס ליד פון יאָסל קלעזמער. . . . . . . 105
דער דראָטעניק . . . . . . . . . . 108
דער וואונדערוועג . . . . . . . . . 110
דאָס ליד פון די פריילעכע שניידער־געזעלן . . . 112
דאָס ליד פון די דריי שניידער־געזעלן און דעם שענקער 114
יאָסל קלעזמער ראַטעוועט מיט זיין שפילן דעם אַרענדאַר 118
רב משהלע קיטעווערס פערל . . . . . . 121
דאָס ליד פון דאָבוש. . . . . . . . . 125
פאַרגעס אָן דיין טרויער . . . . . . . . 129